שלום עליכם פאלקס ביבליאטעק פעראיין
געגרינדעט דעם 4-טען יולי, 1916
טאראנטא קאנאדע

דער שילער קלוב
פון דער טאראנטאער
נאציאנאל-ראדיקאלע שולע

דער שילער קלוב
פון דער טאראנטאער
נאציאנאל-ראדיקאלע שולע

מנחם

א רינג אין דער קייט

תרע"ו

צייכענונגען פון
יצחק ליכטענשטיין

ארויסגעגעבן פון
ליטעראַרישען פערלאג
ניו-יארק

COPYRIGHT 1916 BY
MENAHEM BOREISHA

LIBRARY
AUG 1 9 1999
UNIVERSITY OF TORONTO

PUBLISHED BY
THE YIDDISH LITERARY PUBLISHING CO.
INC.
256 EAST BROADWAY, NEW YORK.

דאָס יונגעל טראַכט: זיין גאָט איז ווייט אין דער אונענדליכקייט.
אַ יונגערמאַן פון יונגעל ווערט: ער זוכט שוין גאָט אויף דר'ערד.
נאָך מעהר — דער מאַן: ער זעהט גאָט'ס האַנד אין גורל פון זיין פאָטערלאַנד.

און ערשט דער פאָטער איהם געפינט אין שמייכעל פון אַ קינד.
און ערשט אין שטילען קליינעם הויז דערוויסט ער זיך, ווי גרויס
האָט זיך דער רוהם פון גאָט צושפּרייט אין דער אונענדליכקייט.
אַז וואויל איז שוין און גוט צו דעם, וואָס האָט געבויט זיין היים,
און האָט דעם גנאָד פון גאָט דערקענט אין זיינע שטילע ווענד.
נאָר ביז מען קומט צום קלאָרען ברעג, פערגעהן אַזוי פיעל טעג
פון בענקעניש און זוכעניש און יונגער פלאָנעניש —
און ווער קען אויסזאָגען דעם סוד, וואָס ליעבער איז פאַר גאָט:
דאָס קענען איהם אין הויז־געצעלט, צי ס'זוכען אין דער ברייטער וועלט?

פשוטע
ליעדער

לידער פון פערבענקסט.

I

גוטע מענשען, ליעבע מענשען,
זאָגט מיר, וואו איז מיין געליעבטע ?
זאָגט, וואו לויכטען איהרע אויגען,
זאָגט, וואו קלינגט איהר קול, דאָס זיסע.

כ'וויל אַ בריוועלע איהר שרייבען,
כ'וויל דאָס גאַנצע האַרץ פערטרויען
פאַר מיין ווייטער, גוטער, ליעבסטער —
נור וואו איז זי — זאָגט מיר מענשען ?

אפשר געהט זי דאָרט שפּאַצירען
אין דעם גרינעם, גרויסען גארטען ?
אפשר זיצט זי אין דער היים גאָר,
זיצט און קוקט מיך אוים פון פענסטער ?

וואו זי איז — וואו זי פערבאָרגט זיך —
וועל איך בריוועלעך איהר שרייבען,
כ'וועל איהר אַלצדינג אויסדערצעהלען —
זאָל זי וויסען, זאָל זי וויסען.

דריי וועל איך איהר בריוועלעך שרייבען:
ס'ערשטע לאָז איך אויפ'ן וואַסער,
אויף די כוואַליעס זאָל עס שווימען
און צו איהרע הענד דערשווימען.

און דאָס צווייטע וועל איך ווארפען
אויפ׳ן ווינד מיט זיינע פליגעל —
זאָל ער טראָגען מיר דאָס בריוועל,
אפשר וועט ער עס דערטראָגען.

און דאָס דריטע — אויף די וואָלקען,
אויף די ציהענדיגע וואָלקען,
אפשר וועלען זיי עס ווארפען
אין מיין גוטער ליעבסטער׳ס שויס.

אפשר וועט איהר, ליעבע מענשען,
ערגעץ זעהען מיין געליעבטע —
זאָלט איהר איהר דעם סוד פערטרויען,
אז פון בענקען געה איך אויס.
תרס״ו.

II.

ווי נאָר עס האָט אריינגעקוקט
אין צימערל די נאַכט,
דאָ האָב איך פון מיין שטילער פיין,
מיין שטילער פיין ערוואַכט.

דורך גאַסען און דורך געסעלעך
אוועק בין איך צו איהר,
געקומען און אַ קלאַפּ געטהאָן,
אַ קלאַפּ געטהאָן אין טהיר.

און שטיל געבעטען, קלאַפּענדיג:
— אוי, לאָז מיך שוין אריין!
מיין אָרים הארץ איז אויסגענאָגט,
שוין אויסגענאָגט פון פיין.

די אויגען זיינען אויסגעווייִנט
פון בענקעניש צו דיר —
אוי, עפען מיר דאָס טהירעלע,
אוי, עפען מיר דיין טהיר!

און כ'קלאַפּ און קלאַפּ אין ציטערניש
און בעט זיך שטיל און ווארט,
ווי ס'האַרץ — אַזוי דאָס טהירעלע,
דאָס טהירעל איז פערשפּאַרט.

און ס'חלומ'ט מיר אין פינסטערניש
איהר קלאָהרעדיג געזיכט,
צוויי אויגען — פלאַמען גליהענדע
פון יום-טוב'דיגע ליכט.

אַרום די ראָזע ליפּעלעך
אַ שמייכעלע — אַ שלאַנג,
אוי, שמייכעלע, איך קען דיך שוין,
איך קען דיך שוין פון לאַנג.

פיעל שטילע נעכט, פיעל באַנגע נעכט
האָסטו מיך אַבגעקוועהלט,
דאָס שטילע לעבען מיינס פער'סמ'ט,
פער'סמ'ט מיין יונגע וועלט.

דורך גאַסען און דורך געסעלעך
אַנטלויף איך אין דער נאַכט,
אַזוי ווי ס'טהירעל איז דאָס האַרץ —
איהר האַרץ פאַר מיר פערמאַכט.

תרס"ז.

אַ ליעד פון אַ מיידעל.

קומט דער אָוונד נאָר אויף דער וועלט אַראָב
גײהען מיידלעך פון פאַבריק אַרויס,
און זיי לאָזען זיך מיט׳ן ברייטען וועג
אויפ׳ן פרייען פעלד צום שפּאַציר אַוועק.

מיט׳ן אָוונד גלייך אויפ׳ן ברייטען וועג
קומען אויך אַרויס יונגע בחורים.
מען בעגעגענט זיך און מען רעדט, מען לאַכט,
און מען ליעבט זיך דאָרט ביז אין טיעפער נאַכט.

קומט דער אָוונד נאָר אויף דער וועלט אַראָב
גײהען מיידלעך פון פאַבריק אַרויס,
אַלע לאָזען זיך אויפ׳ן ברייטען וועג —
איך אַליין בלויז גײה אין אַ זייט אַוועק.

קוקט נישט חבר׳טעס, וואָס איך בלייב אַליין,
נישט בעשעהרט פאַר מיר איז דער ברייטער וועג.
פרעגט נישט, חבר׳טעס, וואוהין פיהרט מיין וועג —
נישט פאַר אייך געדאַכט אין דעם וועג צו גײהן,

אויף דער הינטער-גאַס, נעבען פרייען פעלד
שטעהט אַ מויער-שלאָס, אַ פערפאַרקענטער,
און אַ וועכטער גײהט און ער קוקט און הערט,
און עס קלאַפּט די ביקס אין דער קאַלטער ערד.

דאָרט אין מויער-שלאָס פון אַ פענסטער׳ל
ציהען בליקען זיך אין דער נאַכט אַריין,
דאָרטען וואַרט אויף מיר מיין געליעבטער-קרוין,
און די שוואַרצע שויב שלינגט מיין נאָמען איין.

נאָר דאָס ווייס איך נישט, וואָסער פענסטער׳ל
האָט זיין בלייך געזיכט איינגעהילט פון מיר.
און ס׳איז שטיל די נאַכט, נאָר אין וואָלקען-גראָה
די לבנה שווימט — און איך בעט ביי איהר:

— מיין געליעבטער בענקט פון דער איינזאַמקייט,
כ׳וויל איהם שיקען כאָטש פון דער ווייט אַ קוש.
געה אַרויס פון וואָלקען, לבנה-ליעב,
צו זיין פענסטער׳ל מיר אַ סימן גיעב.

קומט דער וועכטער אַן מיט זיין בייזען קול:
— וועמען זוכסטו דאָ, וועמען דאַרפסטו דאָ?
מיט זיין בייזען קול טרייבט ער ווילדען שפּאָט
און ער יאָגט מיך נאָך אין דער הינטער-גאַס.

און איך קום אַ היים — שטעהט די מאַמע אויף
פון איהר אַלטען בעט, שרייט זי אָן אויף מיר:
— ס׳פּאַלט מיר נעבעך דאָ ס׳האַרץ אַרויס פאַר שרעק,
און זי לאָזט זיך דאַרט ביז אויף טאָג אַוועק.

מאַמע טייערע, ליעבע מאַמעניו!
מיין צובראָכען האַרץ פאַר וואָס זעהסטו נישט?
פאַר וואָס הייסטו נישט פון דיין אייגען קינד,
אַז אי נאַכט אי טאָג איז איהר וועה און ווינד?
תרס״ט.

א ליעד פון א צוריקגעקומענעם.

האַלבער נאַכט, דעם קאָפּ געבויגען,
זאַק און שטעקען אין די הענד,
שפּאַנט אַ מענש אין פינסטער געסעל,
שאַרט זיך שטיל ביי שווארצע ווענד.

װכט ער אויף אַן איינזאַם שטיבעל,
ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ — ער קלאַפּט אין מהיר,
— אױ, װער איז דאָרט ? — פֿרעגט אַ שטימע,
און דער פֿרעמדער ענטפֿערט איהר.

װערט אַ טהירעל האַלב געעפֿענט,
בלייבט דאָרט שטעהן אַ בלייכע פֿרױ,
— דו ?... און ס׳װערט איהר קול פֿערציטערט
און די האָר, װי מאָרגען-טהױ.

— איך... קלינגט אָב זיין שטילער ענטפֿער,
שטאַרע אויגען קוקען שטום —
איינגעפֿאַלען איז דאָס שטיבעל
און פֿערענדערט אַלץ אַרום.

און אין שיין פֿון לעמפּעל הערט זיך :
— נישט בעװאונדער מיינע האָהר !
ס׳האָבען שנייען זיי געװאַשען
און געװייסט פֿון יאָהר אויף יאָהר.

ס׳האָט אַ װינד מיין קאָפּ געבױגען,
און די אויגען — פֿרעג נישט מעהר —
אויסגעקוקט האָב איך די אויגען
אין דער װייטעניש אַהער.

און גע׳חלומ׳ט האָב איך יאָהרען
װעגען װייטער שטילער רוה,
װייסע הענד און װייכע בליקען
האָט מיין װייטע פֿרױ, האָסטו...

װעט זי שטיל מיין קאָפּ פֿערװיגען
אויף דער ברוסט, װאָס ליעבט אין שטיל,

און מיין קינד — — — ער קוקט זיך אומ׳עט —
ס׳קלאפט אין וואנד א הארטע גריל.

און זי עפענט איהרע אויגען
און זי ציהט דעם ענטפער בלייך:
ווייסע הענד פערשווארצט די ארבייט,
פינסטער מאכט דעם בליק נישט ווייך.

און דאס קינד — ביים אלטען פארקאן
בויגט א ברעטיל זיך צו דר׳ערד,
ס׳וואקסט א גרעזיל ארום ברעטיל —
קיין מצבה נישט בעשעהרט.

אין׳ם טונקעל הערט מען כליפען,
קושען שוועבען אין דער שטיל,
און די שיין פון לעמפעל צימערט...
ערגעץ קלאפט א הארטע גריל...

תרס"ט.

א ליעד פון אן אם.

א שיף איז דערטרונקען געווארען אין ים,
מיין מאן איז אויף יענער זייט ים.
צעהן וואכען, אז כ׳האב שוין קיין בריעף נישט געהאט —
אין ים איז פערטרונקען דער בריעף.

דאס נאכט-לעמפעל ברענט אזוי ציכטיג און העל —
ס׳איז ווארים ביי לייטען און ריין.
דאס פרעמדע קינד אטהעמט אין וויגעל ביים זייט —
מיט מיין קינד וואס איז אין דער פרעמד?

עס מאַטערט צום שלאָפען, נור ס׳רוהט נישט דער קאָפּ —
גאָט ווייס, וואָס דאָרט איז מיט׳ן קינד.
ס׳איז אפשר פון וויגעל אראָב, זיך צוקלאפּט,
און ס׳וויינט, געביך, וועה איז מיר נישט.

אָט וועט זיך באלד אויפכאַפּען דאָס ביי דער זייט
און ציהען און ציהען די ברוסט...
צי איז מיר בעשעהרט נאָך צוריק, ווי אַמאָל
צו זיצען ביים אייגענעם טיש ?

צו זעהן איהם ביים ווארשטאַט געבויגען : קליפּ-קלאַפּ,
אַ ווארט חאַטש צו הערען פון איהם,
איך וואָלט דאָך איהם, דאכט זיך, געוואשען די פיס,
דאָס וואסער געטרונקען פון דעם.

עס קלעפּען זיך ד׳אויגען, נור ס׳נעהמט נישט קיין שלאָף
אלץ טומעלט און שווינדעלט אין קאָפּ.
אַ שיף איז דערטרונקען געוואָרען אין ים —
מיין מזל אַוועק מיט׳ן ים.
תר״ע.

א ליעד פון א יונגער פרוי.

עס ליעגט אַ ביכעל אויפגעמישט,
איך האָב די אויגען אויסגעווישט,
נור ס׳קלעפּט זיי ווידער מיעדער שלאָף,
און וואָס איך לייען ווייס איך נישט.

וואָס קען אַ ביכעל זאָגען מיר ?
איך האָב געלאָזט אן אָפענע טהיר,
אָט קומט מען באלד אריין — און שטיל
אַ גנבה-קוש : גוט׳ן אָוונד דיר !

ס'שמעהט אויפ'ן וואנד א שאָטען־ריעז.
איך וויים — דו קומסט, דו קומסט געוויס.
איך מיש א בלאט און קוק אריין:
ווי אומעטיג דאָס ביכעל איז!

דאָס לעמפּעל צאנקט — עס ווערט שוין שפּעט.
עס נויגט דעם קאָפּ צום שטילען בעט.
נו זעה, ווי ווייך, ווי וויים עס איז:
פאר דיר האָב איך עס אויסגעבעט.

וואָס דאַרף איך דען אַן אָרט אליין?
אין דיינע אָרעמס ווער איך קליין,
אין דיינע הענד בעהאַלט איך זיך,
אַז איך אַליין קען מיך נישט זעהן.

אַזוי נים היימליך איז אַרום.
עס דריקט דער פינסטער קאַלט און שטום.
איך נורע זיך אין ווינקעל איין
און אומעט שוועבט אין האַרצען אום.

עס טראָגט מיך אום אין טרוימען־וועלט:
בעגינען צו דורך פייכטען פעלד
שטיל געה איך ביי דיין רעכטער האַנד
צום קיהלען וואלד אין גרין געצעלט.

און בוים אויף בוים, ווי גרינע טרעפּ.
עס פלאַמט אַ שטראַהל אין בלעטער־צעפּ.
און מאָרגען־זון מיט שיין בעקרוינט
צוויי נאָהנטע קעפּ, צוויי יונגע קעפּ.

דיין הייסער קוש די ליפּען ברענט.
איך כאַפּ זיך אויף און דריק די הענד —

אַ גראָהקייט שוועבט פון ערגעץ אום
און שאַטענס שפּיעלען אויף די ווענד.

און זעה — עס קומט שוין טאָג אַהער,
איך קען נישט חלומ׳ען שוין מעהר,
איך וועל נישט איינשטילען מיין לייד
און וועל נישט אָבווישען די טרעהר.

איך האָב די מיעדע הענד צושפּרייט —
מוזט קומען דאָך מיט זון בעגלייט,
און אויסטרינקען מיין בענקעניש
מיט ליעבע-דורשט און ליעבע-פרייד.

עס איז שוין טאָג, עס שיינט די ערד,
ס׳האָט וועך מיין בעטען נישט דערהערט,
ס׳האָט וועך מיין טרוים פון טאָג און נאַכט,
מיין טאָג און נאַכט מיט וועה צושטערט...

תרע״א.

א ליעד פון א זעלנער

דער זייגער איז פינף, דורכ׳ן מיעדיגען שלאָף
טהוט וועקען דער זעלנערשער אויסרוף: שטעה אויף!
עס רייסט מיר פון קישען דעם שכור׳ן קאָפּ,
פון ווייטע חלומות דעם וועב רייסט ער אָב —
שלאָף, כלה מיין, ווייס נישט דערפון.

דער זייגער איז זיבען, פון מאָרגען-מושטיר
קום איך שוין צוריק, א פערבענקטער נאָך דיר.
עס גליוה׳ערט די פינגער, עס פריהרען די פיס —
דו שלאָפסט דאָך אודאי — טו שלאָף דאָך מיר זיס,
שלאָף, כלה מיין, ווייס נישט דערפון.

דער זייגער איז צעהן. מיט דער ביקס אין דער האַנד
ביים ציעל שטעהט דיין חתן און ציעלט זיך אין וואַנד,
דעם אָטהעם פערהאַלטען, געשלאָסען דעם מויל.
— דו זיצסט דאָך און קעהמסט דיינע לאָקען, ווי קויהל
קעהם, כלה מיין, ווייס נישט דערפון.

דער זייגער אין צעהן. מיט׳ן לעפעל און ברויט
אין עס-שטוב, פערשוואומען אין ריח פון קרויט
— „שטעהען זעלנער און קלאַפען אין בלעכענעם „באַק
דאָס היימישע עסען זאָל זיין דיר געשמאַק,
עס, כלה מיין, ווייס נישט דערפון.

דער זייגער איז ווידער שוין זיבען. פון מיה
בעפרייט האָט דער אָווענד ביז מאָרגען גאַנץ פריה,
נאָר איצט ווערט גֿעטריבען צום ליעדער-געזאַנג.
זינג אויך אַצינד אונזערע ליעדער פון לאַנג,
נאָר, כלה מיין, זינג נישט דערפון.

דער זייגער איז ניין. דער גלעגער איז האַרט.
— כ׳האָב קוים זיך אַ ווײַלע צום טראַכטען דערוואַרט
בעצווינגט מיך דער שלאָף און צושיידט מיך מיט דיר.
— דו געהסט ערשט, אודאי, ארוים צום שפּאַציר
געה, כלה מיין, טראַכט נישט דערפון.

און אפשר דער חלום — ער ברענגט מיך צוריק
אַהין, וואו כ׳האָב וואַרטען געלאָזען מיין גליק,
און כ׳וועל האַלבער נאַכט איבערטרעטען דיין שוועל.
נאָר ניין — ס׳וועט נישט קומען דאָס גליק אַזוי שנעל.
ניין, כלה מיין, טרוים נישט דערפון.

תרע״א.

די נאַכט פאלט צו. עס צינדען זיך, ווי שטערען
וויטרינעס טויזענדער און טויזענדער לאמטערן.
עס רופט די נאַכט און וועקט אין בלוט בעגעהרען
אין רויש און ליכטיגקייט פון גאס בערוישט צו ווערען —
זיי, מיידעל וואך!

די נאַכט פאלט צו. ס'איז נאַכט געקומען, שוועסטער,
עס שפיעלען שוין אין רעסטאָראנען די אָרקעסטער.
דיין ליעבסטער ווארט אויף דיר, דער לוסטיגער און בעסטער,
פאר דיר אַליין אַ גאנצע וועלט פערגעסט ער —
זיי, מיידעל וואך!

עס איז שוין נאַכט. אויטאָמאָבילען שטעהען.
זיי וועלען יאָגען אונז, דעם ווינד אין פנים וועהען
די געהער שרעקען מיט די הייזעריגע געשרייען
און אין דער פינסטער וויים פערפיהרען אונז נור צווייען —
זיי, מיידעל וואך!

ס'איז נאָך די נאַכט, די זיסע, נים פערפלויגען.
דער ווייסער ווייןַ — ער שוימט אונז פאר די אויגען:
ביים ליעבסטען אין די אָרעמס אויסגעבויגען,
די ליפען איהם, צו איהם די הענד געצויגען —
זיי, מיידעל וואך!

עס גראהט אַ טאָג. עס שלאָפען טאטע-מאמע.
עס חלומ'ט זיי — די טאָכטער שלאָפט מיט זיי צוזאמען.
די טאָכטער וויים אָבער — זי וועט עס נישט פערזאמען.
איהר פנים גליהט און איהרע אויגען פלאמען —
זי איז נאָך וואך!
תרע"ג.

דו אָרימער ! וואו קענסטו דען פון זיי אנטרינען,
אַז אומעטום, וואו ס׳זאָל דיין טריט נישט קומען,
איז פול מיט זיי. זיי טומלען זיך און זומען
ווי פליגען אין אַ זומער-טאָג, און ווי די שפּינען
פערציהען זיי מיט שפּינוועב יעדען טריט,
אַז ס׳איז קיין וועג נישטאָ, קיין אויסגאנג ניט.

די הענד האָבען זיי וויך און בויגיג, ווי די צווייגען,
די אָקסעל — ריהרעוודיג צום ברעכען זיך אַ הינטער.
די העלזער ווייס, ווי שניי אין ווייסען ווינטער,
די ליפּען אָפען אין בעגעהרען-פולען שווייגען,
און יעדעס אויג אין שמייכעלדיגען שיין
פערנאַרט דיך אין אַ ליכט-געוועב אַריין.

און ווען זיי עפענען די ליפּען אויף מיט שטילע ווערטער —
איז יעדעס וואָרט אַ פיהל-האָרן אַ דינער צו דערטאַפּען
וואו וויכער ס׳איז דאָס הארץ, און ציטריג אָנצוכאַפּען
מיט נעגעלעך פערהאָניגטע די שוין צעווייכטע ערטער.
און שטעכיג-ליעבליך יעדער האָרן טרעפט,
אַז ס׳ווערט אַ האַרץ אין זיסיגקייט געפּלעפּט.

אנטלויף אין גאָס פון זיי, אין טומעל און געפּילדער.
איז — שפּרייזען זיי, ווי געגנז בעזאָכט אויף אַלע וועגען,
און יעדע גאַנז איהר צאַרטען שנאָבעל טראָגט אנטקעגען,
און יעדער׳ס ריהר איז בויגיגער און מילדער.
זיי פאָרזיכטיג, קלייב פאָרזיכטיג דיין שטעג,
אַז נישט פערגעהסטו נאָך אַ געגזעל אויף איהר וועג.

און אַז ביינאָכט, ביי זיך אין צימער שוין בעהאַלטען
פערמאַכסטו אַלע פענסטער-לאָדען, אַלע טהירען —

געפינען זיי אַ וועג צו דיר דורך דיין געהירן,
דורך אַלע שליסעל-לעכער, אַלע לאַדען-שפּאַלטען,
און זאָל דער טויט אַליין בעוואַכען דיינע נעכט —
זיי וועלען דיך און איהם — אייך ביידען מהאָן דאָס רעכט!

תרע"ד

אַ ליעד פון אַ כלה.

זיינען געפלויגען די מיידעלשע יאָהרען,
ווי ביהנען פון בלימעל צו בלום,
האָבען דעם זאַפט פון די בלומען געזויגען
און ווידער געפלויגען: זום-זום.
פליהט, פליהט, יאָהרעלעך,
זומט, זומט, ביהנעלעך —
קלעפּט זיך אַ ביהנענשטאָק אויס,
לאַנג וואַרט דאָס קליידעלע,
צייטיג דאָס מיידעלע —
ס'בויט זיך פאַר איהר שוין אַ הויז.

האָבען געפלאַטערט די מיידעלשע טרוימען
ווי שמעטערלינגס נאַכטליך אין שיין,
זיינען צום פייער געפלויגען, געבריהט זיך,
און ווידער אין פייער אריין.
היים גליה, מיידעל-טרוים,
פליה-ברען, שמעטערלינג —
ס'פאַנגט דיך אַ פלאַם און פערברענט,
העלער די אויגעלעך,
בלייכער די בעקעלעך —
ס'האַרץ האָט שוין ליעבע דערקענט.

זיינען געקומען די מיידעלשע ליעבעס,
ווי פריהלינגס-צייט שוואַלבען צום נעסט,

ווינטער אין שנייען פערוואָגעלט, פערפלויגען,
און זומער-צייט — ווידער צו געסט.
כליה אויף, מיידעל-הארץ,
פליה, קום, שוועבעלע —
באַלד איז די נעסט שוין פערמאַכט.
איין קוש, חבר׳טעס,
ווינשט גליק, טייערע —
ס׳האָט שוין די חופה געבראַכט.

תרע״ג.

לידער פאר׳ן שפּיגעל.

I

אַז מען בלייבט אַמאָל זיצען אליין
אין דער נאַכט פאר׳ן שפּיגעל צו לאַנג —
קען מען אַפּמאָל אין שפּיגעל דערזעהן,
אַלץ, וואָס קומט נור אריין אין געדאנק.

צי פון יענער זייט וואסער דאָס לאַנד,
צי אַ שטאָדט, וואָס דיר בענקט זיך אַהין,
צי אַ מענש וואָס איז דיר נישט בעקאַנט —
ס׳איז אַלץ איינס — אַבי האלט עס אין זין.

אָדער ווילסטו גאָר וויסען, וואָס טהוט
דיין בעשעהרטער, וואָס שרייבט צו דיר ניט —
ווייזט דער שפּיגעל דיר יעדע מינוט
יעדען קעהר זיינעם, יעדווידען טריט.

און ווייסט דו נישט אַליין, ווי זעהט אויס
דער, וואָס איז דיר בעשעהרט אויף דיין וועג,

פרעג דעם שפיגעל — ער ברענגט איהם ארויס,
מעג ער זיין, וואו די וועלט האט אן עק.

מעג ער זיין גאר ווי ווייט — קוקט ער גלייך
פון׳ם גלאז דיר אין פנים אריין.
און זיי זיכער. אז ארים צי רייך —
גאר ער וועט שוין א חתן דיר זיין.

פריה צי שפעט, מיט דער באהן צי מיט פערד
וועט ער קומען צולויפען צו דיר,
און דאס מזל, וואס דיר איז בעשעהרט,
וועט ער ברענגען מיט זיך צו דיין טהיר.

II.

בלייב איך זיצען אמאל אין דער נאכט
נעבען שפיגעל אליין און איך טראכט:
אפשר איז מיר בעשעהרט צו דערזעהן,
וואס עס דארף מיר אין לעבען געשעהן.

זעה איך — ס׳קוקט מיר פון שפיגעל ארויס
דאס פערגעסענע היימישע הויז,
און אט שפיעל איך מיט קינדער אין זאמד
אין׳ם גערטעל מיט ברעטער פערצאמט.

ווייטער זעהט זיך דער גרינליכער וועג,
און דער טייך — און מיר זיצען ביים ברעג
ערגעץ ווייט מיט׳ן שכנ׳ס א זוהן —
עס זאל קיינער ניט וויסען דערפון.

נאכדעם זעהט זיך די ענגשאפט אין באהן,
און א צימער — א שפאן אויף א שפאן.

ס׳זוערט פארנאכט — איך פערמאַך די מאַשין,
און איך לאָז מיך און ווייס נישט וואוהין.

און אַט זעה איך אַ פנים אַ בלאס:
כ׳האָב איהם נעכטען בעגעגענט אין גאַס.
אַט אַ צווייטער — אַקוק און פאַרביי,
און נאָך איינער, נאָך צוויי און נאָך דריי.

אַלע קוקען מיך אָן אַזוי קאַלט,
און נישט קיינעם דער שפיגעל פערהאַלט.
בלייב איך זיצען, מיט אויגען פערמאַכט,
און אין חלום פערגעהט מיר די נאַכט.

III

האָט אַ חבר אַמאָל זיך פערבענקט
נאָך אַ היימישען מענש אין דער פרעמד,
איז געזעסען, דערמאָהנט, וואָס געדענקט,
און די קרייזען אין שפיגעל געקעהמט.

נאָך געפלוידערט אַ ווײַלע ביים טהיר,
גוטע נאַכט! — און דאָס צימער פערלאָזט.
איז אַוועק, נור אין שפיגעל ביי מיר
זיינע גליהענדע אויגען געלאָזט.

אויגען שווארץ און נאָך שווארצער די ברעם,
און דער בליק אין׳ם שפיגעל-גלאָז ברענט.
מוז איך לויפען, אַנטלויפען פון דעם,
פון די אייגענע ענגע פיער ווענד.

נים פערלאָזען דאָס בעט אין דער פריה,
נישט אין אבענד זיך לעגען אין בעט.

נישט קיין נאכט, נישט קיין רוה נאָך דער מיה,
נור צו וואנדלען אין גאסען ביז שפעט.

ס'איז אין צימער נאָך עמיצער דאָ,
שטענדיג דאָ און שפירט נאָך מיינע טריט.
שטענדיג דאָ און איז קיינמאָל נישטאָ,
און פון קיינעם קיין וואָרט הער איך ניט.

שטענדיג דאָ און שפירט נאָך מיינע טריט
מיט'ן בליק, וועלכער בויערט מיך שטום,
און עס ווערען די פיס מיינע מיעד
פון'ם וואנדלען אין גאסען ארום.

IV

כ'האָב געקוקט און איך האָב ניט דערזעהן,
ווי ס'איז עפּעס מיין שפּיגעל געשעהן.
כ'האָב דערזעהען — וואָס איז דאָ דער מעהר?
עפּעס איז שוין מיין שפּיגעל נישט דער.

ס'איז מיין שפּיגעל געשעהן עפּעס וואָס.
וויל איך זעהען דאָס פּנים אין גלאָז —
ווערט מיין בליק מיט אַ שלייער פערשפּינט,
ווי אַן אפּעל פון אויג, וואָס איז בלינד.

ווערען האָהר אַזוי טרוקען און הארב,
הערט פערבליהט פון די באַקען די פארב,
ווערט פערווישט פון די ליפּען דאָס רויט
און פערצויגען מיט גראָהקייט די הויט.

ס'איז דער שפּיגעל מיט פלעקען בעדעקט —
איז מיין פּנים דערפאַר ווי בעפלעקט.

ס׳איז צו קוקען אין פלעקען מיר שווער —
און דעריבער בעווייזט זיך אַ טרעהר.

כ׳וואָלט אַ נייעם געקויפט, נור וואָס לויהנט?
ווערט מען דען נישט צו עלטער געוואָהנט?
פעלשט ער צו — אויך דער אומגליק נישט גרויס —
כ׳ווייס אליין, ווי מיין פנים זעהט אויס.

ס׳מאַכט נישט אויס, אויב עס ווערט אַמאָל שווער:
אַלטע פריינד מעגען זעהן אויך אַ טרעהר.
עס דערצעהלט נישט אַ פריינד, וואָס ער זעהט,
און פערשטעהט שטילערהייט, און פערשטעהט.

תרע״ה.

תפלות

תפילות.

א.

רבונו של עולם!
אַ פערוואַנעלמער יונגעל,
וואָס האָט ביסלעכווייז איבער די קינדערשע יאהרען
אויפ׳ן וועג פון׳ם חדר
ביז׳ן עלטער פון טראַכטען
אַנגעוואָהרען די האַרציגע פרומקייט,
קום איך ערשט צו דיר, גאָט פון מיין פאָטער,
און איך בעט:
כ׳קען נישט זיין אָהן דיר!

שרעקליך גרוים איז דיין וועלט,
און אַזוי פיעל פערצאַפּעלטע אונרוה און לייד
געהט דעם עלענדען נאָך.
אַזוי אָפט ווערט געבויגען דער קאָפּ,
אַזוי אָפט ווערען אָפען די ליפּען,
ווי בעהאַפטען צו ווערען צו ווערען
מיט געבעט און פערטרויאונג.
גאָר ווען ס׳קומט שוין דיין נאָמען אויף זיי,
און מיר דאַכט, אַז אין ווערטער פערשעהמטע
וועל איך באלד איבערענטפערן דיר
גאָר מיין אומעט און ציטער, —
דעמאָלט שווימט מיר פון ערגעץ אַרוים
יענע אינגעלי׳שע קלוגשאפט,
וואָס האָט מיך פון מיין טאַטען פערפרעמדט,
און איך בלייב מיט׳ן וואָרט אויף די ליפען פערשעהמט
און איך וויים נישט פאר וועמען איך שעהם זיך.

זיי מיר מוחל, רבונו של עולם!
נאָר איך קען מיך נישט ווענדען צו דיר
אין דער וויסטקייט, וואָס ציהט זיך אונענדליך
צווישען וועלטען און פינסטערניש.
און איך קען נישט פערטרויען מיין אומעט,
דעם פערצאפּעלטען, שטילען, דערשראָקענעם,
ערגעץ וואו אין דער ווייטקייט אַריין,
וואו דו רוהסט אַן אַלמעכטיגער
אָהן געשטאַלט, אין אונענדליכקייט.

און אַצינד, ווען איך האָב מיר גענומען דעם כוח
דיר פערטרויען מיין צווייפעל אין דיך,
טהו איך עס,
ווייל איך הער נאָך די גלויביגע ווערטער
אויף די ליפּען דער מאַמעס,
אַז דיין טראָהן איז וואהרהאפטיגקייט,
אַז די שכינה איז לויטער דערבאַרעמדיגקייט
און דיין פּיסבענקעלע — לויטער לייטזעליגקייט.
קום איך ערשט צו דיר בעטען:
אין׳ם זכות פון דער מאַמען,
אין׳ם זכות פון די באָבעס און זיידעס,
וואָס געבראַכט האָבען דיר הערצער טרייע,
אין דיין לייטזעליגקייט און דערבאַרעמדיגקייט —
לאָז מיר גלויבען אין דיר,
לאָז דיך טאַטע אין הימעל דערקענען פאַר מיר,
וועיז אַ צייכען, בעגרייפליך דעם מוח פון אינגעל,
ווי בעגרייפליך געווען איז דעם קינד
יענער דאָרן אין מדבר וואָס ברענט,
יענער ים וואָס איז טרוקען געוואָרען,
יענער שטיין וואָס האָט וואַסער געטריפט,
וועיז אַ וועג,
איבער וועלכען כ׳זאָל קומען צום שוועל פון דיין הויז

און מיט קינדערשען גלויבען
זיך צוריק אנבעהעפטען אן דיר.

כ׳קען נישט זיין אהן דיר, גאט!

ב.

טאטע הארציגער!
וואו זאל איך דיך געהן זוכען
און ווי וועסטו דיין צייכען מיר געבען?

שוועבט א וואלקען אנטקעגען דער זון
אין די טיעף-בלאהע הימלען —
איז ער ווייס און מיט לופטיג-בעזילבערטע זוימען,
איז ער לייכט און ער טראגט זיך אהן ציעל
אין דער בלאהקייט און זון —
ביסטו אפשר אין וואלקען, בעשעפער?
נעהם מיך מיט מיט זיך, וואלקען,
אין דיין זוניגען וועג!

איז א פויגעל פון דרום געקומען
און אין צווייגען און גרינס
לויטער-העל זיך צוזונגען.
קלינגען טרעלען אין צווייגען און בוים
און דערצעהלען פון לענדער, פערטונקען אין ליכט,
און פון הימלען אין בלאהקייט פערזונקען,
און פון וואנדערן העל צווישען דערפער און שטעדט
פרייד צו זייהען און לוסט צו פערשפרייטען —
ביסטו אפשר דאס ליעד פון׳ם פויגעל?
לאז מיר איינפלעכטען זיך
ווי א רינג אין דער קייט פון דיין פריידיגקייט,
כ׳זאל פערקלינגען פרייהארציג און לויטער, ווי דו!

אדער ווילסטו ערשיינען פאר מיר,
ווי א העלד פון פארצייטען,
וואס טהוט געהן מיט א גלויביגען חיל
איבער לענדער, מדינות און פעלקער,
און עס פאלען די לענדער און קניהען פאר איהם,
און מיט ליפען פון ווייסע און זויבערע טעכטער,
וועלכע קומען אנטקעגען,
בעטען זיי אנבעהאפטען צו ווערען צו איהם
און געפיהרט אויף זיין וועג
פון בעשטראהלטקייט און רוהם,
מאך מיך געהן מיט די וועגען פון דיינע חילות
און געניסען פון שיין ארום דיר!

אדער קום אין געשטאלט פון א גראה-אלטען מאן
מיט א שטערען א ווייסען און טיעפע פער׳חלום׳טע ווינקלען,
וואס זאל אויפהויבען לאנגזאם די צאפלענדע פינגער
און מיך לערנען
פון די וויסטע מדבריות, פון די תהום-ווייטע שטערען,
פון אונענדליכען תהו-ובהו,
און מיין קינדישען מוח בעלויכטען
מיט א שיין פון דיין גרויסקייט און אייביגקייט —
ווייל איך וויים נשט, איך קען נישט דיין וועלט
און איך קען דיך נישט ליעבען, מיין גאט.

טאטע הארציגער!
ווי און ווער וועט עס זיין,
וואס וועט קומען און ברענגען דעם צייכען פון דיר,
און די בשורה ענטפלעקען,
אז דו האסט מיר דעם וועג צו דיין ליעבע
געעפענט?

ג.

זאָל איך גלויבען, אַז דאָס איז דער צייכען פון דיר?

ס׳האָבען אויגען, צוויי אויגען מיין האַרץ אָנגעריהרט,
און דער אומעט אין מיר איז צוגאַנגען,
ווי דער נעבעל אין העלען פריהמאָרגען.
בין איך זיי נאָכגעגאַנגען
צווישען טומעל און גאַס,
ווי אַנידערצופאַלען פאר זיי,
און דער נאָמען פון דיר
איז נישט ווילענדיג מיר אויף די ליפּען געקומען,
און כ׳האָב שטיל אין׳ם טומעל גערופען צו דיר.
ביסט עס דו אין די אויגען, בעשעפער?

אויב ס׳איז וואהר,
אויב די ליעבע צו דיינע פערוואָגעלטע קינדער
איז געגליכען צו זייערע אַנגסטען,
ווען זיי גארען צו דיר, —
טהו איך בעטען מיט פאָרכט:
שיק צו מיר יענע אויגען,
קום דורך זיי און בעהעפט דיך צו מיר.

ווייסט דאָך ווער, ווייסט דאָך וואו זי איז, פאָטער:
ווייסט דאָך דו, וואָס דיר זיינען בעוואוסט
די פערטרונקענע אינזלען פון ים,
וואָס דיר זיינען בעקאַנט
אַלע ווייטע בעהעלטענישען אויף דער ערד,
וואָס ־יין בליק דרינגט אריין
אין די טיעפסטע פערבאָרגענישען פון די מענשען, —
ווייסט דאָך, ווענען איך זוך —
קום און לאָז דיך בעווייזען פאר מיר.

ווי אַן אַבגעשוואַכט קינד,
וואָס בעהעפט זיך מיט צאַפּלענדע הענטלעך
אָן דער ברוסט פון זיין מוטער
זי צו זויגען מיט גיעריגע ליפּען
וועל איך צופאַלען דורשטיג צו דיר,
און מיט יעדווידען גליעד וועל איך זויגען דעם זאַפט
פון דערפרישונג און לעבען,
וועל איך אָטהעמען אויף דיר מיט מיין ברומענדען קוואַל
פון פערצאַפּעלטער בענקשאַפט,
אַז צונויפגיסען זיך זאָלען זיי
און צונויפפלאָנטערן און פערקניפּלען,
מיין פערצאַפּעלטע בענקשאַפט צו דיר
און דיין ליעבע צו מיר,
אַז איןביידענס נשמה,
אין דער ליעבע-נשמה,
זאָל דיין קינד נישט דערקענען, וואו דיינע איז דאָ,
און דו, גאָט, נישט דערקענען, וואו מיינע איז דאָ

און ערשט דעמאָלט,
ווען אין ליעבע פערקניפּט,
וועל איך דיך בלינדערהייד כאַטש דערשפּירען,
וועל איך ווייטער אויך בלינד
קענען געהן, קענען וואַגלען און זוכען
דעם, וואָס איך האָב שוין איינמאָל דערקענט,
ביז איך וועל מיך דערשלאָגען צו דיר.

שיק צו מיר יענע אויגען, בעשעפער!

ד.

ביזט געקומען צו מיר —
קעהר נישט אָב דיין געזיכט, בלייב מיט מיר.

— ווען דו האסט זיך צום ערשטען דערנעהנטערט צו מיר
כ׳וויים נישט וואס איך דאמאלס דערפיהלט.
נאר אזוי מוז אויך פיהלען א בלינדער,
וואס איז אייביג אין פינסטער געזעסען,
און זיין אויג הויבט אן שפירען א שיין.
און ווען כ׳האב שוין די אויגען געקושט,
האב איך נאך זייער בליק נישט בעגריפען,
און ווען כ׳האב שוין די ארעמס געבויגען ארום דיינע אקסעל,
האב איך נאך נישט געוואוסט,
וואס איז דאס פאר א שיין ארום דיר.
און ווען כ׳האב שוין דיין כח געפיהלט,
האב איך אלץ נאך געטאפט בלינדערהייד
צו דיין ליעבע דעם וועג.
נור געשטאנען ביסטו איבער מיר
א פערשלאסענע רעטעניש,
ווי א שומר א טרייער, וואס היט נאכט און טאג,
ביז איך האב זיך דערמאהנט,
ווער עס האט דיר געוויזען דעם וועג צו מיין אונרוה.

אזוי טיעף, אונבעגרייפליך אזוי איז דיין בליק,
אז ער שרעקט מיט׳ן שרעק
— פון די וויסטע אונענדליכקייטען
איז עס דען נישט א טראפען פון זיי?
— און די נאכט, וועלכע הויערט אין לאקען פון האהר
איז עס דען נישט א שפור פון דער נאכט,
וואס מיט סודות און תענוג בעקליידט האט די וועלט?
— און די שיין, וואס איך שפיר ארום דיר
איז עס דען נישט די שיין פון בעגינען,
וועלכער קומט אין געהיים
און פערזייהט נייעס לעבען און פרייד?
— און אליין דו

ביסט דען נישט אַ צייכען, אַ וואונדער פון איהם,
וועלכען איך האָב די זכיה געהאַט צו דערקענען?
דו — מיין הייליגע זעהונג,
לאָז מיר פאלען און קניהען פאַר דיר!

און איך האָב דיך דערקענט
און בין נידערגעפאלען פאַר דיר.
ס'איז דער נאָמען, דאָס הייליגע וואָרט,
אויף די ליפּען געקומען
און געקומען דער וואונדער.
כ'האָב די וועלט אין איהר בליהען און פארבען דערזעהן,
ווי אַ צעלט געוועלבטען.
כ'האָב דאָס שרייען פון ווינד,
און דאָס פאלען פון שטיין
און געברום פון די בוימער,
און דאָס קלינגען פון פויגעל דערפיהלט,
ווי דאָס ליעד,
וואָס דאַרף זינגענדיג מאַכען דעם צעלט.
כ'האָב די הימלען דערזעהן,
אין אַ בלאָהקייט געוועלבטע,
ווי זיי ציהען זיך העכער און העכער אריבער דעם צעלט.
כ'האָב אין בלאָהליכער הויך,
אויפ'ן זיבענטען הימעל אַ טראָהן אויפגעשטעלט
פאר'ן האר פון דער וועלט.
כ'האָב דעם רעש דערהערט
פון די פלאמענדע חיות-הקדש און העלע אופנים
מיט די טויזענדער אויגען,
ווי אַ ברומען פון וואסערן פיעלע,
כ'האָב אין רוישען און ברומען דאָס זינגען פערנומען
פון די שרפים און ווייסע מלאכים, וואָס היטען דעם טראָהן,
גלייך מיט זיי האָב איך קדוש אויסרופען געוואָלט — —

נור ס׳האָט עפּעס מיין שטימע פערפּלייצט,
און אויף דר׳ערד, אויף די קניה,
בין איך ליגען געבליבען
און געוויינט און געוויינט,
ווי אַ יתום, אַ וואַגלער,
וואָס האָט ווידער זיין טאַטען בעקומען.

און אויף דר׳ערד, אויף די קניה
וויין איך איצט: טאַטע מיינער!
זעה, מיין האַנד איז פאר דיר,
ווי אַ שטרוי אויפ׳ן ווינד,
זעה מיין אָטהעם פערשטיקט,
זעה דאָס הארץ מיט׳ן אומעט פערפולט,
זעה — איך בין דאָך נישט מעהר
ווי קינד, אַ פערשטויסענס,
אויף דער ערד, וועלכע דו האָסט בעשאַפען,
און איך בעט דיך:
קעהר נישט אָב דיין געזיכט!

ה.

קומען אָן די מינוטען,
ווען טאָג-טעגליכע אָרימע זאָרגען,
ווי די מחנות פון פליגען, פערזאמלען זיך, זומען,
און פערזומען מיין זינען, —
קומען אָן די מינוטען,
ווען דערשראָקען און שוואך
זעה איך זיך, ווי אַ פליג איינגעפּלאָנטערט
אין אַ נעץ פון געדיכטע און גיפטיגע שפּינוועבס,
און איך פּלאָנטער זיך, פּלאָנטער זיך, הילפלאָז, —
קומען אָן די מינוטען,
ווען די קראנקהייט פון ערד, ווען די גראָהקייט פון הימעל,

ווען די שוואכקייט פון מענשען און לעבען
וויקעלט מיך, ווי א נעבעל ארום
און איך בלייב מיט׳ן יאוש דערוואָרגען
אהן א טריט, אהן א ריהר, —
דעמאָלט זיי מיט מיר,
נעהם מיך אָן ביי דער האַנד,
זאָג דעם שפּרוך, וואָס פערטרייבט פון׳ם אויג
אַלע וויסט-גראָהע זעהענישען,
און ביים האַנד נעבען דיר לאָז מיר געהן.

זעה אַליין:
ווי א שפּענדעל אין שטעהענדע וואסערן —
אזוי שווימט מיין געדאנק אין פערגעסענעם טייך
פון מיין יונגעל׳ישען נאָגען און בענקען.
און אין דיר הער איך קוואלען צו מורמלען
און צו פינקלען אין שיין פון דער זון.
זאָל דאָס פינקלענדע שטראמען
דעם פערגעסענעם וואסער בעלעבען,
און אין העלקייט און שיין
גלייך מיט דיר וועל איך יאגען דעם שטראהל וואָס פערגעהט
און קומט ווידער און אייביג צוריק.

און מיין וועהטאָג און לייד
זיינען מעהר נישט, ווי שאָטענס און שטויב,
וואָס א וואָלקען, א וואַנד, א ווינד און א פראָסט
לאָזט קיין זכר נישט איבער פון זיי.
און אין דיר,
הינטער שאָטענס וואָס שווינדען אריבער דעם שטערען,
ליגט פערבאָרגען דער וועהטאָג פון יענער,
וואָס איהר ערשטע און אייביגע זינד האָט אויף אייביג
זי און איהם פון גן-עדן פעריאָגט.

האָט מען מיך, גלייך מיט דיר דאָך פערטריבען,
פאר דיין זינד און פאר מיינער, —
לאָז מיך רוהען אין שאטען פון שמערץ
און מיט דיר צו דער אויסלייזונג וואָגלען.

לאָז מיט דיר צו דער אויסלייזונג וואָגלען —
אפשר קומט מען צו איהר!
האָט דאָך גאָט ערד, ווי הימעל, בעשאַפען,
טאָג, ווי נאַכט, און די זינד, ווי דאָס שווייגען געבויגען,
אויף דער ערד, אין דער נאַכט, דורך דער אייביגער זינד
האָט ער אפשר פערבאָרגען דעם וועג
צו דער שיין פון דער אייביגקייט,
וואָס די זינד האָט פערטריבען פון איהר,
אין דער נאַכט, אין דער זינד,
אויפגעצאַפעלט פון בענקען, פון ליעבע און שרעק,
טראָג מיין בלוט פאר אַן אנהויב פון אייביגקייט —
אפשר איז דאָס דער וועג,
וועלכען ער האָט פאר אונז אויסדערוועהלט
און אויף איהם דיך געשיקט
מיך צו פיהרען צו איהם,
אפשר איז עס דער וועג.

ז.
זאָל די לאַסט ניט זיין שווער,
זאָלען מיינע פערלאנגען אין שרעקען און ציטער,
נישט פערצאָמען דיין וועג צו מיין אונרוה.

יא, ס'איז וואהר:
איך בין שוואך און פערצאַפעלט,
ווי אַ הערבסטיגע בלאט אויף אַ צווייגעל
אונטער הערשאַפט פון ווינטען,

איז מיין ווילען און בענקען.
איך בין קליין:
ס׳האָבען ווילדע בעגעהרען,
ווי מכשפות אין רינג זיך צוטאַנצט ארום מיר,
און צובלאָזען מיין יעטווידער וואָרט
מיט אַ שעלמישען לאַכען.
איך בין שלעכט:
ווי דער מוק אין דעם מארך פון דעם רשע,
האָט דאָס שלעכטס פון דער ערד
אין מיין מארך זיך אַ נעסט אויסגעבויערט
און עס בויערט צו שלעכטס.
אָבער מיינס איז דאָך דאָס,
אָבער מיינס — און פון דיר —
אַל דאָס שלעכטס, אלס די קליינקייט און ציטער,
און אויב דו וועסט נישט קומען צו מיר, —
ווער וועט קומען?

טאַטע — פאָטער!
נידערסטו דאָך אַראָב יעדע נאַכט
אויף די חורבות פון אַלטען צושמעטערטען הויז,
וואָס איז דיר פאר אַ וואָהנונג בעשאַפען געוואָרען,
און דו וויינסט אויף זיין חורבן,
אַז דיין טרעהר זאָל איהם אויפריכטונג ברענגען,
כ׳בין דאָך אויך נור בעשאַפען
פאר אַ וואָהנונג פאר דיר —
פאר וואָס קומסטו נישט, פאָטער,
מיט דיין וועהטאָג און טרעהר?

כ׳בין דאָך אויך פאר אַ וואָהנונג בעשאַפען פאר דיר!
איבער דורות און דורות
איז אין מיר דיר אַ טעמפּעל געוואָרען געבויט,
און אַ קדשי-קדשים אין איהם.

אַז נור איינמאָל, גערייניגט, געלייטערט אין ווייס,
זאָל איך קענען בעטרעטען זיין שוועל
און ביים נאָמען דיך רופען.
און אצינד, ווען איך ווייז דיר די חורבות פון איהם,
וואו עס געסטען, ווי ס׳געסטען שאָקאָלען,
אַלע זינד, אַל דאָס שלעכטס, אַל די בייזקייט פון דר׳ערד,
און איך בעט זיך תחנונים,
אַז איך קען נישט אַליין
מיט די שוואכע, פערצאַפּעלטע, זינדיגע הענד
זיינע ווענד ווידערבויען, —
דאַן זאָלסט דו אויף זיך נעהמען דעם יאָך,
און אראָבבויגענדיג דיין פלאם-ווארפענדען קאָפּ
און די שכינה פערשאָטענענדיג,
זיך פערטונקלען אין שלייער פון אנגסטען און פיין
און מיט אש אויפ׳ן קאָפּ
גלייך מיט מיר שטעהן און בעטען.

ווי איך שטעה און איך בעט
ביי דער איינציגער חרוב׳ער וואנד,
וואָס איז מיר נאָך געבליבען אַ אָנהאַלט אין דיר —
שטעה מיט מיר, בעט מיט מיר —
ביז מיין שטערען וועט ליכטיג ערשיינען,
ביז ס׳וועט אויפגעהן מיין לויטערע זון,
ביז איך וועל אין דיר אויפגעריכט ווערען,
און צוריק, ווי אַ מאָל,
וועל איך קענען געלייטערט און ווייס,
ווידער קומען בעטרעטען דיין שוועל
און ביים נאָמען דיך רופען.

קראנק און קליין בין איך, פאָטער!
אויב נישט דו,

אויב נישט די, וואָס דו האָסט מיר געשיקט —
ווער דען קען מיר די אויסלייזונג ברענגען?

ז.

קראַנק און קליין בין איך, פאָטער!
כ'ווייס נישט ווי:
צי דאָס איז מיר בירושה פון טאַטען געקומען
און פון דורות און דורות
צי דאָס איז נור די שוואַכקייט פון דור,
וואָס האָט מיך אויפגעצויגען
אָדער בלויז נור מיין אייגענער וועהטאָג —
כ'ווייס נישט ווי —
נאָר אויב כ'האָב דיך שוין איינמאָל דערקענט
און געפונען דעם וועג צו דיר, —
קעהר נישט אָב דיין געזיכט!

און אויב כ'וועל נישט פערמאָגען
דיינע וואונדער פערבאָרגען,
אויב כ'וועל געהן איבער גאַסען און הייזער
און צוטראָגען דיין הייליגע ליעבע,
אַז פערטונקעלט, פערשווארצט זאָל זי ווערען,
אויב איך וועל מיט דיין זויבערען ווייסען געשאַנק
קליין און גרויסע בעטהיילען
און אין יעדער מינוט
נייע געטער און אָבגעטער שאַפען פאַר זיך —
איז עס דאָך נור די קראַנקהייט פון דורות,
צי פון דור —
קעהר נישט אָב דיין געזיכט!

עפען אויף דיינע שטראמען פון וואונדער!
זאָלען קיינמאָל פערטריקענט נישט ווערען
דיינע קוואלען פון סודות.
וואָס דו האָסט אין מיין אויג אויפגעעפענט,
עפען ווידער די שטראמען,
אז דיין געטליכען פונק זאָל איך טראגען
אייביג, אייביג פערהוילען פאר מענשליכע אויגען,
אז איך זאָל דיין געבאָט אייביג פאָלגען,
זיין, ווי דו, איין און איינציג,
און דיך טראָגען אין הארצען
איין און איינציג —
ביז איך וועל מיך בעפרייען און קומען צו דיר.

ביסט געקומען צו מיר —
קעהר נישט אָב דיין געזיכט!
בלייב מיט מיר!

תרס"ח.

אומעטיג איז דיר? די אויגען געעפענט,
אין טונקעלען הימעל פערקוקט זיך, פערטראכט.
אומעטיג איז דיר? וואָס זוכסטו אין הימעל?
וואָלקען אויף וואָלקען — אַ טרויער דאָרט זעהסטו?
גיב מיר דיין האַנד — וואָס, אַ שרעק אין די וואָלקען?
ציטער נישט, ציטער נישט, פאָרכט נישט פאר זיי.
נעהנטער צו מיר — כ'וועל דיר עפּעס פערצעהלען.
ס'ציהט זיך אַ סוד פון דער ערד צו די וואָלקען,
ס'ציהט זיך אַ סוד, אַ רחמנות-געבעט:
—טריף אויף מיר, וואָלקען, איך וויל ווערען פרוכטבאר!..
פיהלסטו איהם, פיהלסטו דעם סוד פון דער ערד?
ס'האָט איהם געבוירען אַ שטיל-שטאַרקער גאָט —
גלויבסט אין איהם? ענטפער מיר, רוים עס מיר איין.
גלויבסטו אין איהם?

איך? דו אַליין האָסט מיך גלויבען געמאַכט.
טרויעריג-העל איז דיין ליעבענדער בליק.
שרעק ליעגט אין איהם — דאָך עס ציהט דיך צו מיר,
פול איז ער ליידען — דאָך קומסטו צו מיר —
סוד איז אין איהם, גאָט איז אין איהם.
דו האָסט מיר, שטילע, דעם גלויבען געגעבען —
זאָל איך איהם זעהן אויך אין דיין בליק זיך וועבען.
איך? איך בין מיעד, איך בין קראַנק פון'ם גלויבען.
ס'מאַכען זיך צו מיינע אויגען פער'שכור'ט,
ס'יאגט איבער מיר און ס'בעפליסט מיך אַ היץ,
שווער קלאַפּט דאָס האַרץ און פערשטיקט מיר דעם אָטעם —
איז עס נישט גאָט, וואָס בעוועגט זיך אין מיר?
כ'הער זיינע ווערטער — דאָס לעכצען צו דיר.

ס׳קלאפּען די שלייפען אין קאָפּ פון פערטרינקונג,
קלאַפּען פון זינקען אין איהם.

מיעד בין איך, שוואך און פון היילינקייט שכור.
קום צו מיר נעהענטער, נעהם מיך אַרום.
זעה, ווי דו ציטערסט — דער גלויבען דאָס ציטערט.
טיעף, אָבגעהאַקט איז דיין צאַפּלענדער אָטעם.
הויך און אין אימפּעט בעוועגט זיך די ברוסט —
דאָס איז דער גלויבען... פערמאַך דיינע אויגען,
מאַך דיינע אויגען צו, קוש מיך און האַלז מיך,
קוש אַהן אַ זינען, זאָל קלאַפּען די ברוסט:
ס׳קומט שוין, עס קומט שוין, עס קומט שוין צו אונז.
הערסט, ווי עס גיסט דאָרט פון דרויסען דער רעגען?
ס׳קען נישט דער וואָלקען זיין בענקשאַפט דערשטיקען,
פרוכטבאַר מוז ווערען די טרוקענע ערד:
גאָט וויל אַזוי.

גאָט וויל אַזוי, דער אַלמעכטיגער הייסט —
אָטהעמט און לעבט מיט זיין ווילען די וועלט,
ער האָט אַ בענקשאַפט פערזייהט אין דער וועלט —
מורמעלט און זינגט אַלין, וואָס לעבט אין אַ בענקשאַפט.
דריקען זיך הערצער און קערפּער צוזאַמען,
ווילען זיך וועלדער צום הימעל דערציהען,
לעכצעט די ערד צו די טראָפּענס פון וואָלקען,
רייסט זיך דער ים פון די שטיינערנע ברעגעס,
רוישען און ברומען די שוימענדע חוואַליעס, —
ער האָט אַ בענקשאַפט פערזייהט אין דער וועלט,
אָטהעמט די וועלט מיט זיין ווילען און בענקשאַפט.
האַלזען דיך, הייסט ער מיר, האַלזען דיך, שטיקען,
שטיקען אין קרעמפּפיג פערצאַפּעלטע אָרעמס,

אויסזויגען ס׳בלוט פון די זאפטיגע ליפען,
אויסקושען, הייסט ער, די ווייסקייט פון האלז,
פאלען דיר, הייסט ער, פאר מיר.

ציטערסטו? צאפעלסטו? צאפעל און ציטער!
הערסט, ווי עס רוישט און עס ליארעמט דער רעגען,
ס׳בליצט און עס דונערט... די ערד מיט׳ן וואלקען
וויינען אין ליעבע צוזאמענגעצויגען.
ער איז געקומען, געקומען, געקומען
לעבען ארויסרופען, לעבען פון לעבען.
ס׳פלאמט אין די בלוטען דער פייער פון דר׳ערד,
ס׳אטהעמט די ברוסט מיט׳ן אטהעם פון דר׳ערד —
ציטערסטו, צאפעלסטו — הייליג דער ציטער!
צארט איז דיין לייב — ס׳איז א בלום פאר׳ן טראהן,
ווייס איז דיין ברוסט — א מתנה א ווייסע,
ריינע קרבנות פאר גאט.

סאמעטען-ווייך איז דיין ווייס-קלאהרער האלז,
שמעקעדיג-פריש איז דיין קינדערשע ברוסט
און ווי עס בויגט זיך דער קערפער — א שלאנג!
הייליג אין שעהן ביסטו, הייליג און ווייס —
גלויב אין מיר, ווייסער און הייליגער קרבן,
גלויב אין מיר, גלויב אין מיר, גלויב אין׳ם שעפער.
גרויס איז ער, ווילד איז ער, הייליגע מאכט —
גלויב, מיין געבענשטער, מיין הייליגער קרבן,
גלויב אין מיר, גלויב אין מיר, גלויב אין׳ם שעפער.
אייביג און ווילד איז ער — אייביג בין איך —

— — — — — — — — — — — — — — —

קדוש, קדוש, קדוש...

תרס״ז.

דו שרייבסט מיר — דו ווייסט, אז איך ליעב דיך נישט מעהר.
איך פיהל אין די ווערטער זיך פייכטען די טרעהר.
וואָס האָט מיך, דעם ווייכען, נישט איינמאָל גריהרט,
נישט איינמאָל אין אייגענעם פיהלען פערפיהרט.
עס ציהט מיך אויך איצט דיינע טרעהרען צו ווישען
מיט בלאָנדזשענדע ליפּען און בלאָנדזשענדע קושען. —
נאָר פיהל נישט מיין קושען און הער נישט מיין טרייסט —
ס׳איז אמת — איך ליעב נישט... און וויס, אויב דו ווייסט.

ניין, קוק נישט אַזוי — ס׳איז נישט דאָס, וואָס דיר דאַכט...
עס איז נישט מיין ליעבע אַוועק מיט דער נאַכט,
דו האָסט נישט צו זאַט געמאַכט מיינע פערלאַנגען,
איך בין ביי קיין צווייטער אין נעץ נישט געפאַנגען —
נישט דו, נישט די צווייטע, נישט די, וואָס פאר דיר,
האָט אָפען געמאַכט פון גן-עדן די טהיר
פאר דעם, וואָס האָט גלוסטענד אין דורשט ניר געברענט,
און קיינמאָל דאָס גליקליכע זינקען געקענט.

איך ליעב נישט, און זאָל נישט זיין שמערצליך דיין טרעהר,
און זאָל דיר נישט באַנג טהון: נישט איך בין עס דער,
צו וועמען דו האָסט אין חלומות פון גליק
דעם פּליסטער פון מיידעלשע ליפּען געשיקט,
נישט דער האָט בעצוואונגען דיין אומעט און לייד —
כ׳בין פרעמד דיין געליעבטען, דיין חלום איז וויט.

דו האָסט זיך פון פרעמדע לעגענדען אַרויס
אַ ריטער גערופען — פון ליעבע די רויז
זאָל ער דיר דערלאַנגען מיט ריטערשען נויג.

און איז איהם נישט מילד נאָך געוועזען דיין אויג,
דאַן האָט ער, פערזונקען אין דורשטעניש גלוט,
געלאָזען צו טריפען פון הארצען דאָס בלוט
די טראָפּענס מיט זיידענס פון ליעבע פערקניפּט, —
אַ האַלז־באַנד פון קרעלען פאר דער, וואָס ער ליעבט.

און בליציגען אווענד און נאַכטליך ביי שטערען
דעם פענסטער פערהאנגען — און ס׳האָט זיך דער הערען
געדאכט: סטרונעס ציטערן אונטען אין הויף,
עס ציטערן פינגער, וואָס בלאַנדזשען דערויף,
און בלייך איז דאָס פּנים פון יונגען, וואָס שפּיעלט,
אין שאָטענס פון בוימער און ליידען פערהילט.
ער וועט אַזוי בלייבען און וואַרטען די נאַכט,
דיין פאָרהאנג פערהאנגען, דאָס פענסטער פערמאַכט.
און שטיל מיט׳ן טאָג, ווען ס׳וועט וועקען דאָס ליכט,
וועסטו איהם שוין וועלען בעוויזען ס׳געזיכט,
נור ער וועט אַ בלייכער און שמאַכטענדער שטעהן
און קושען פון מויער דעם גראָהליכען שטיין.

און אפשר, ווען ס׳האָט זיך פון מיידעל־פערלאנג
מיט קינדערשער דרייסטקייט געוועקט דיין געדאנק,
האָסטו זיך געזעהען געבויגען ביי דר׳ערד,
עס ציטערט דיין בליק און דאָס אויער — עס הערט —
אַ בלוטענדער גוס׳עט ביים זוים פון דיין קלייד
און זעגענט דיך, לעכצענד, מיט שמאַכטענדע רייד:
— „פון וועגען דיין נאָמען אוועק אין׳ם שלאכט,
אין פייער פון דיר, פון מיין גלויבען, געטראכט,
און שטארב איך פאר דיר, איז ערפילט מיין בעגעהר“ —
עס קלייבט אין דיין אויג זיך אַ גליקליכע טרעהר,
דו פאלסט צוז׳ם טויטען צו קושען זיין האַנד
און ס׳זאפּט איין די גליקליכע טרעהרען דער זאמד.

אזוי איז געווען דיין געליעבטער אין טרוים
פון פרעמדע און ווייטע לעגענדען. דער שוים
פון ברויזענדער יוגענד האָט די אויגען פערבלענדט:
אַ ריטער האָסטו אין מיין שטימע דערקענט,
אין בלאַנדזשענדע בליקען — פון בענקשאַפט דעם זינגער,
און ציטער פון סטרונעס אין בויג פון די פינגער.
האָסט טרוימענד פערשלאָסען די אויגען, און מיך
אין מאַנטעל פון סאַמעט און זיידענע שיך,
אין ריטערשע זאָקען און לאָקען בעציערט...
נאָר ס׳האָט דיך די בלינדקייט פון יוגענד פערפיהרט.
דיין טרוים איז צורונען — בלויז איינציגע פעדים
פון איהם טהוען הענגען אויף שלעסער, וואו שדים,
אין שכנות פון אַלטע פאָרטרעטען און שטויב
פערזאמלען זיך נאַכטליך צו זינגען אַ לויב
און טאַנצען אַ ווילדען, אַ שדים׳שען טאַנץ
דעם טייוועל, וואָס האָט זיי אין פאַקעלען-גלאַנץ
פון שייטערס געלערענט דעם שפּיעל פון געוועהר...
ביי דיר אָבער פייכט זיך אין שטימע אַ טרעהר.

ווייל מיך, אויב גערופען האָסטו פון דער צייט
פון ריטער-געפּעכטען און בלוטיגען שטרייט,
אויב זעהען האָסטו מיך אין שלעסער געוואָלט,
איז נישט צווישען בלאנקענדע זיילען אין גאָלד
און שווערדען געשלייפטע, וואָס בלאנקען נאָך העלער, —
נאָר נידריגער, טיעפער, אין קעלער, אין קעלער,
וואָס ס׳האָבען זיך שטיינער פון אטהעם געפייכט,
און אויגען, נור אויגען אין פינסטער געלייכט.

יאָ, ס׳פלעגט יעדער שלאָס אויף אַ קעלער זיך הויבען,
מ׳האָט גאָפּלען געגליהט ביי די קוימענס פון אויבען,
די אָקסען געשטאָפּטע פאר געסט צו דערלאַנגען —
און אונטען, אין קעלער, געגליהט האָט מען צוואנגען.

פון אויבען די שטוהלען מיט זיידען-געזעסען —
און צוואנג-שטוהלען אונטען, די גליעדער צו פרעסען.
פון אויבען שווערד-קרייצען די פענסטער צעווישען —
און אונטען פערמויערטע רינגען אין נישען.
און האט מען דארט אויבען די שווערדען געשלייפט,
און האט מען דארט אויבען די תאוות געשלייפט.
אין זיידענס געציערט זיך צום ריטער-געפעכט
און קלאנגען געקליבען צום ליעבע-געפעכט —
האט נאכט, א פערצאגטע, געשטיקט אין דער נידער,
ס'האט טויט-שרעק געזויגען די בייניגע גליעדער,
ס'האט פינסטער פערשטיינערט דאס נאקעטע לייב
און שאטענס געלאזען פון מאן און פון ווייב.
און האט מען דארט אויבען, ביי ליעדער און ווין,
דעם זיעגער בעגלייט אין די אלקערס אריין,
וואו ס'האט די בעזיעגטע מיט אויגען אראב
איהר ליעבע און שוים איהם געגרייט פאר א גאב —
האט אונטען דער פינסטער מיט פייכקייט געקלאגט,
און לעצטער בעגינען האט ערגעץ געטאגט
פאר יענע, וואס האבען אין שטיינער פערשטיקט,
מיט זיך זייער ליעבע צום הימעל געשיקט.

אויב זוכען און וועלען געפינען — איז דארט,
אין קעלער געוועזען מיין ריטעריש ארט.
דארט האב איך געלערענט צו ליעבען אין לייד
און בלוטס-טראפען קלייבען אין ריטערשען שטרייט.
א טראפען — א טייערער שטיין צו בעקרוינען
דעם קאפ פון מיין ליעבע. דארט האב איך דאס שטוינען
דערקענט איך'ם ווארטען דורך טויט-שווארצע נעכט,
און שטייפען די גליעדער צום ריטער-געפעכט,
דארט האט עס אין שטראמען פון יאמער-געוויטער

אין הארצען פערבענקטען געצונדען דעם ציטער
פון ליעבע-געזאנגען און לעכצעניש-תפלות,
דארט האט אין דער נאכט, אין דער לעצטער, א שטילעס
געבעט נור דער שטיין, דער פערצאגטער פערנומען.
און ווען ס׳איז דער לעצטער בעגינען געקומען,
מען זאל מיך צום טראהן פון מיין ליעבע בעגלייטען —
דאן האבען מיך וועהען געפיהרט שטאט טראמפּייטען,
עס האבען, שטאט פּויקען, די פּויסטען פערדארטע
א ודוי געקלאפּט אויף די ברוסטען, די הארטע,
און, טריי איהר שליח זיך איבערגעגעבען,
האב איך איהר דאס לעצטע געשאנקען — מיין לעבען. —

אזוי האב איך ליעבען געלערענט אין לייד,
אזוי האב איך פאלען געלערענט אין שטרייט.
און זאג איך דיר איצטער: איך ליעב דיך נישט, פרוי!
דאן זאלסטו פערשטעהען די ווערטער אזוי,
ווי ס׳וואלט דיך געארעמט מיין בייניגע האנד
דארט אונטען, אין פינסטערער פייכטקייט פון וואנד,
ווי מיר וואלטען ביידע, אין פינסטער פערשפּארט,
דעם אנזאג פון לעצטען בעגינען דערווארט...

נאר קענסטו מיין ליעבע נישט ליעבען — וויש אב
די טרעהר פון דיין אויג, רייס דעם אומעט אראב,
און זאל זיך דיר טרוימען: א שלאס אויף א בארג,
זיין טהורעם איז הויך און דער וועכטער איז שטארק,
און הויך אויפ׳ן טהורעם איז אפען א טהיר —
א עלענדער ווארט דיין געליעבטער אויף דיר. — —

תרע״א.

קניהענדיג

I

דער גאלדענער טייך פון האהר און דורכזיכטיגע כוואליעס
צופליסט זיך נאך אריבער דעם געלעגער-ראנד,
נאך לויטערט זיך די רונדיגקייט פון אבגעדעקטען אקסעל,
דער בויג פון האלז און אויסגעשטרעקטע האנד,
נאך גליהט זיין קוש אויף די בעטהויטע ליפען
און אין די אויגען אפענע די העלע בלאהקייט גליהט —
נאר איינגעבויגען ביים צופוסענס פון געלעגער
א ציטערדיגער פאלט ער און ער קניהט.

ער פאלט פאר איהר און קניהט. נור איהרע ליפען בעטען:
— פאר דיר איז אלץ אין מיר, און אלץ צו דיר בעגעהרט.
מיין האלז אהן דיר איז איינזאם, עלענדע די אקסעל,
און ארעמס מאהנען דיך — פון דיר צו זיין פערצעהרט,
פון דיר בעצוואונגען זיין, צו נישט ווערען און אויסגעהן,
און אויסגעהן אין דיין גלוט בעגעהרט מיין יעדער גליעד —
פאר וואס פערלאזטו מיך? — — — די ליפען איהרע בעטען,
נאר ער פערציטערט איהר צופוסענס קניהט.

— פאר וואס פערלאזטו מיך? איין איינציג מאל נאך ברענען,
און אין די הענד ביי דיר צו אש ווערען פערברענט.
און נעהם דעם אש דערנאך, און זאל די פולע הויפענס
דער ווינד ארויסרייסען פון דיינע לייכטע הענד,
נאר לאז די ארעמס ניט פערשעהמט ווערען אין עלענד.
און לאז די אויגען ניט פערמאכט ווערען אין פיין.
אין פיין און שאנד פערשטוים זיי נישט, און איינמאל
לאז איינמאל זיי פון דיר פערברענט צו זיין!

און ווידער פאַלט ער צו מיט צוגעמאַכטע אויגען,
און קלאַמערט זיך אָן איהר און בויגט זיך, ווי אַ שלאַנג.
און ווי אַ שלאַנג איהר גיפט — אַזוי די ליפּען זיינע,
און זיינע לייכטע הענד געבויגען, ווי אַ צוואַנג,
די אַקסעל אויפגעדריקט, דעם אָטהעם איינגעצויגען,
און אין די פערביסענקייט צונויפגעדריקט די צייהן —
ביז פּלוצלינג פון די ציהן צעוויקעלט זיך אַ וועה,
און לאַנגזאם טרעט ער אָב און בלייבט פון ווייטען שטעהן.

ער שטעהט מיט אויגען, ברייט געעפענט, איהר אַנטקעגען
און ווי אַ טרויעריגען וואונדער זעהט ער זי.
די אויגען בלאַנדזשען איבער איהרע ווייסע גליעדער,
עס ציטערט אויף אַ ליפּ און ס׳בויגען זיך די קניה,
עס ציטערן די קניה און בויגען זיך אַרונטער,
די אַקסעל אויפגעדריקט, אין גאַרגעל עפּעס שטיקט,
און מיט׳ן קאָפּ אין עלענבויגענס איינגעגראַבען
צום באָדען פאַלט ער וויינענדיג און ליעגט.

II.

אין ציטער ליעגט ער וויינענדיג, און ווערטער־שאָטענס
אָהן ווילען פאַלען פון צונויפגעפּרעסטע צייהן:
— ווי קען איך ביישטעהען אַליין אַזוי פיעל שעהנקייט,
אַזוי פיעל פרייד ווי קען איך בייקומען אַליין?
צו קען איך איינשטילען דאָס גליהען פון די ליפּען,
צו קען איך איינשטיקען דעם דראַנג, וואָס שלאָגט אין ברוסט,
אַז יעדער אָטהעם־צוג איז אַזוי אָנגעטרונקען
מיט רייצען און בעגעהר, מיט בענקעניש און לוסט?

— דו האָסט אַזוי פיעל בלאָה און ברייט צושפּרייט דיין הימעל—
ווי קען זיך זעטיגען דאָס אויג אַמאָל דערין?
און וויפיעל כ׳זאָל נישט אויסשטרעקען מיין בליק צו וואלד
און פעלדער —

צו וועט אַ שטויב געמינערט ווערען פון דעם גרין?
צו קען דאָס אויער דען בעצווינגען כאָטש אַן אָבקלאַנג
פון רויש פון וואַסער-פאַל און וואַלדיגען געברום?
צו קען איך זאָגען ווען, אז איך אַליין פערשלונגען
האָב גאָר דעם גאַנצען דופט כאָטש פון אַן איינציג בלום?

און איבער אַלע פרייד האָסטו די פרוי געשאַפען,
און איבער אַלע לוסט — די לוסט צו זיי געשטעלט.
אין אַלע טיעפקייטען געבאָדען זיי די אויגען.
דאָס לייב זיי אויסגעטונקט אין פראכט פון גאָר דער וועלט.
און זאָל איך איינע נור, איין-איינציגע נאָר זעהען —
צו קען איך אויסטרינקען פון בלום דעם גאַנצען דופט.
צו קען איך אויסקושען די בליקען, וועלכע גליהען,
צו קען איך איינשטיקען דעם רייץ, וואָס אייביג רופט?

איך וועל נישט איינשטילען, נישט בייקומען דעם אונרוה,
ביז בייקומען וועט איהם די קעלט פון אונטערגאַנג,
ווען ס'וועט די שיין פון לייב און אויג פערדינקעלט ווערען,
און אויסגעטריקענט פון די ליפען דער פערלאַנג,
און גארען וועל איך דאַן נאָך דעם בעגעהר, וואָס פייניגט,
און וועל די פיין פון דורשט נישט קענען פיהלען מעהר.
ביז בלייבען וועט דאָס וואָרט אין האַלז פערשלאָפען,
און בלייבען וועט מיט איהם נאָך גארען דער בעגעהר — — —

דער גאָלדענער טייך פון האָאר און שפּיעלענדיגע כוואַליעס
צופליסט זיך ברייט אריבער דעם גלעגער-ראַנד.
אַנ'אָבגעדעקטער אַקסעל, אויפגעהויבען, ציטערט לויטער.
דער קאָפּ איז אויסגעשטרעקט און אָנגעשפּאַרט אַ האַנד.
די ליפּען איהרע אָפען, ווי צום שטומען פרעגען.
די אויגען שטאַר פון אונפערשטענדליכען, וואָס שרעקט,
און קוקען שטאַר ניט צום פערשטעהן יענעם,
וואָס ליעגט אַ ווײנעדיגער אויפין באָדען אויסגעשטרעקט.

.1

בליהענדיגע קעפלעך אויף די ווייסע העלזער,
ציטערדיגע אטעמס אונטער ווייסען זייד,
אויגען, וואָס צוגליהען מיט אַ שטילען צוזאָג,
האָבען מיינע בליקען מיר געמאַכט פערשייט,
און פערשייטע ליפען האָבען צאַרטע נעצען
פאר די יונגע קעפלעך שטיל און זיס געשפּינט —
כ׳האָב פאר דיר געזינדיגט מיט אַ שווערער זינד.

כ׳האָב מיט ווערטער לינדע, ווי אַ זומער-רעגען,
וואָס מאַכט זוימען שפּראָצען אין אַ ווייכער בייט,
זיך געקויפט די ליעבע פון די יונגע טעכטער,
מיט פערבענקטע בליקען און בעגעהר בעגלייט.
כ׳האָב זיי דורשט געצונדען אין די פרישע ליפּען,
ווי אַ פונק דעם גראָז אין הייסען זומער צינדט —
כ׳האָב פאר דיר געזינדיגט מיט אַ שווערער זינד.

נאָר דעם דורשט פון ליפּען, דעם בעגעהר פון בליקען,
האָב איך נישט געלאָשען, האָב איך נישט געשטילט.
ס׳האָט דיין בליק בעגלייט מיך אויף די זומער-שטעגען,
און די טריט געוואַרענט און פערהאַלטען מילד —
ביז איך בין, פערשעהמט, פון זייער בליק אנטלאָפען,
ווי ס׳אנטלויפט אַ גרויסער פון געגנאַרטען קינד, —
כ׳האָב פאר דיר געזינדיגט מיט אַ שווערער זינד.

אל דאָס הייסע גארען, וואָס דורך פרעמדע ליפּען
אנגעצונדען, האָט מיר אין׳ם בלוט געוואַכט,
אַלע אָרעם-ציטערס, אַלע אָטעם-דורשטען,
אויפגעוועקט דורך פרעמדע, האָב איך דיר געבראַכט,

און די ליעבע-ווערטער דיר פערטרויט, וואָס פרעמדע,
נישט אין מיינע אָרעמס, האָבען נישט פערדיענט —
כ׳האָב פאר דיר געזינדיגט מיט אַ שווערער זינד.

2.

לאָז מיר בעהעפטען אין דיינע די זינדיגע ליפּען!
ס׳גליהט אויף די ליפּען דער זאַפט פון די ווייניגע ווערטער,
וועלכע עס האָט מיר דער היציגער זומער געשאָנקען
שכור צו מאַכען דעם אָטעם פון יעדער בעגעהרטער —
גליהט ער און שכור׳ט אַליין מיך, ווי וויין, געצעהרטער.
לאָז מיר מיין דורשט אין די קושען מיט דיינעם פערקניפּען —
ריין זאָלען ווערען פאר דיר מיינע ליפּען.

לאָז מיר ניט שליסען די גאַרענדע זינדיגע אויגען!
ס׳האָבען די שוואַרצאַפּלען זייערע פרעמדע געשטאַלטען,
מילדע און שטילע, פון אַלערליי וועגען געזאַמעלט,
און זיי פערבאָרגען עס טיעף אין די שפּיגלען בעהאַלטען.
זאָלען די שפּיגלען צוגליהט פון דיין קושען זיך שפּאַלטען,
זאָל זיך צורינען דער נעבעל, וואָס האָט זיי פערצויגען, —
ריין זאָלען ווערען פאר דיר מיינע אויגען.

זעה, ווי עס נורעט זיך היים צו דיין אַקסעל מיין שטערען!
שווער, מיט פער׳שכור׳טען טרוימען און טראַכטען בעלאַדען
קומט ער, מיין זינדיגער קאָפּ צו דיין ברוסט, צו דיין אָרעם,
קלאַפּט, ווי אַ מיעדיגער וואָגלער צום היימישען לאַדען.
לאָז איהם די זינד אין׳ם שטראָם פון דיין אָטעם אויסבאָדען,
זאָל איהם דאָס שלאָגען פון האַרצען, פון דיינעם, בעשווערען —
דיך נאָר אַליין זאָל ער הערען.

און ווען עס וויקלען זיך ציטערדיג-קרעמפּפיג די גליעדער,
ציטערדיג-היציג און קרעמפּפיג, ווי בלוטענד פון וואונדען —

ווייס, אַז דאָס וויקלען זיך גליעדער פון שטראַמיגען גלוסטען,
גלוסטען פון אַנדערע גלוסטענדע בליקען געצונדען —
פאַנג זיי, און זאָל זיך דער ציטער מיט דיינעם פערבונדען,
אויסשעפען, אויסזויגען, ביז איך וועל פאַלען אַ מיעדער,
מיעד, אָבער דיינער אינגאַנצען אַנידער.

.3

וואָס מעהרער זינד איך ברענג אויף מיינע אַקסעל,
וואָס גיערינער דער דורשט צו פרעמדע ברענט:
וואָס גרעסער ס׳איז די צאָהל פון די, וואָס פאַנגען
וויל איך דורך דיר איין-איינציגער אין מיינע הענד,
וואָס טיעפער כ׳פאַל פאַר דיר אין מיעדיגען בעגעהרען
פון גלוט און רייץ און שמאַכטענדיגער רוה —
אַלץ הייליגער ביסט דו.

דער קרבן הייליגט זיך דורך יענע שלעכטע מעשים,
פאַר וועלכע ער דעם שולדיגען פערגעבען ברענגט.
דאָס וואַסער הייליגט זיך אין יענע שולד, וואָס ווערען
דורך איהם פון זינדער׳ס לייב אַראָבגעשווענקט.
און דורך די זינד, וואָס גליהט אין מיינע אויגען
און דו נעהמסט זיי מיט דיינע ליפען צו —
מיין הייליגע ווערסט דו.

אַזוי האָסט גאָט, מיין גאָט, אין ליעבע דיך בעשאַפען,
די זאָלסט מיין היטערין און בייהעלפערין זיין.
און וואַגלענדיג אין פינסטער פון מיין שאָטען
מיך פיהרען לאַנגזאם צו דער ווייטקייט פון מיין שיין,
ביז, אַ געלייטערטער, וועל איך דורך דיר געפינען
צו זיך אַליין אין הייליגקייט די טהיר —
צו זיך אַליין — פאַר דיר.

פאַר וועמען דען, אויב נישט פאַר דיינעטוועגען,
נעהמסט דו פון מיינע שלעכטס אויף זיך דעם יאָך?

און ווער איך אויסגעלייטערט אין דיין שוים אין אָרים —
פאר דיר די אויסגעלייטערטקייט איז דאָך.
און וועל איך פון מיין לויטערקייט א פּאַלאַץ בויען,
זוער — ווען נישט דו — וועט אין מיין העלער שיין
די קעניגין דאָרט זיין?

4.

קום, לאָמיר ביי אַן אלטער מאַמען פרעגען,
מיט וואָס האָט זי דורך נעכט און טעג פערדיענט
אַ שמייכעל פון אַן אונשולדיגען מיילכעל,
אַ ערשטען פרייד-געשריי פון יונגען קינד.
און וויפיעל פלאָג און מאַטערניש און נישט דערשלאָפען,
און וויפיעל ס'האָט געקאָסט אי וועה אי פיין
פון קינד געליעבט צו זיין.

יא, אמת, נישט דיין קינד - געליעבטער בין איך.
נאָר איז דען נישט אַ מאַמע יעדע פרוי?
און זוכט דען נישט דער אַלטער אין דעם יונגען מיידעל
די מאַמע, וואָס זאָל אַבוואַשען דעם עלטער-טוי?
און איז נישט יעדער מאַנספערשוין אַ גרויסער יונגעל
וואָס גלוסט זיין מיעדיגקייט און לייד און לוסט
בעהאַלטען אויף אַ מוטער'ס ברוסט?

עס פלאַקערט איבער דער פערלאַנג פון ליעבע,
און שטיל פערבלייבט דער מאַן אין ליעבסטער'ס שוים,
און נורעט זיך אין איהרע צאַרטע אָרעמס,
נאָך מאַמע-ווערטער לעכצענד, ווי אַ קינד אַ גרויס.
און נישט די ליעבע-דורשט פערצעהרט דעם אַלטען בחור:
עס מאַכט איהם פאר דער צייט אי קראַנק אי גראָה
דאָס, וואָס קיין מאַמע איז נישטאָ.

מיר זיינען אַלע, אַלע בלויז ווי גרויסע קינדער —
און ליעבע ווערט פון קינד מיט לייד געקויפט.
מיר זיינען אַלע, אַלע בלויז ווי גרויסע קינדער
און לויפען פון די מאַמעס, ווי אַ קינד אנטלויפט.
און דו, דו ביסט אַ מאַמע שוין פון קינדער-וויעגעל,
און ווילסטו ליעבע פון אַן אַלטען גרייז —
צאַהלסטו מיט מוטער׳ס פרייז.

5.

ס׳איז שוין אזוי זינט די וועלט איז בעשאפען געוואָרען,
דו האָסט צוערשט דעם פערבאָטענעם עפּעל געביסען,
האָסט דיינע אויגען די ערשטע געעפענט פאר זעהען
און זיי געשלאָסען אין פרייד און פערשעהמטקייט פון וויסען.
דיינס און פון דיר אַ געשאַנק האָט דער מאַן עס בעקומען.
ערשט פון דיין ווילען געצונדען, די עפּעל געריסען.
פריידען און לייד צו געניסען.

ביסטו אַ מוטער געוואָרען נאָך פאר׳ן געבוירען.
דו, וואָס דו ביסט פון אַ ריפּ פון זיין קערפּער גענומען,
האָסט איהם געפיהרט, ווי אַ קינד, פאר׳ן הענטעל צום לעבען,
ביז ער איז דיך צו בעהערשען אין לעבען געקומען.
ביסטו אַ מוטער געוואָרען — און דעמאָלט מיט וועהען און שמערצען

צאַהלען געמוזט פאר׳ן זעהען און וויסען און פיהרען
און פאר׳ן גליק זיך אַ מוטער צו שפּירען.

מוטער געבענשטע! ווי גרויס איז דיין שכר פאר׳ן ליידען.
דיינס איז דאָך אלצדינג און אַלץ, וואָס מיר האָבען אין לעבען.

גיישט נאָר דער קינדערשער שמייכעל און מענליכער שווייגען.
נישט נאָר דאָס לייב און דאָס בלוט, וואָס דו האָסט אונז
געגעבען, —
דיינס איז פון דיר איז דאָס טראַכטען און שאַפען און בויען,
אלין, וואָס מיר טראָגען אַריין אין דער אייביגער לעבענס-
לעגענדע.
דו ביסט דער אָנהויב פון אַלעם און ענדע.

קען איך דען שטעהן פון דער ווייט און נישט פאַלען פאַר דיר
און נישט קניהען.
פאַלען און קניהען פאַר יעדווידער שפור פון דיין ליידען.
ווען אויף די קניה פאַר דיר ווער איך ביז הימלען געהויבען.
ווען יעדער שפור פון דיין לייד איז אַ טראָט אויפ'ן וועג צום
גן-עדן.
לעבט דאָך אַ פאָלק אין'ם זכות פון אַ שכינה, וואָס טרויערט,
לעבט דאָך אַ וועלט אין'ם זכות פון אַ הימלישער מוטער —
לאָז מיר אויך לעבען אין זכות פון דיר, מוטער!
תרס"ה.

שלמה

שלמה

I

זעכציג העלדען פון ישראל, שטרייט געלערנט, שווערד בעוואפענט,
שטעהען וואך ביי זילבער שטאנגען, היטען אב דעם קראנקען קעניג
פון די נאכט־שרעקען און שאטענס, וואס בעפאלען זיין געלעגער.
יונגע טעכטער פון יהודה האבען איהם דאס זייד־געלעגער
אויסגעבעט מיט מיידעל־ליעבע, אויסגעציערט מיט לוסט און דורשטען.
דאך אין פינסטער־שרעקען אפען בלייבט דאס שווארצאפעל פון קעניג,
און עס ציטערן די לעפצען, און די פורפור־זייד'נע חופה
קען נישט איינשלעפען דעם אומרוה פון'ם עלטער־קראנקען הארצען.
הויך און וויס אויף ציטער־ארעמס הויבט זיך אויף דער אלטער קעניג,
לאזט אליין דאס זייד־געלעגער, טרעט ארויס פון זילבער־שטאנגען,
און בעגלייט מיט שטומע בליקען פון ערשטוינטע זעכציג העלדען,
לאזט ער טריט ביי טריט זיך בלאנדזען אין'ם שרעקעדיגען פינסטער.

לאנגזאם און ווייך שוועבט דער נאקעטער קעניג.
איינציג א שנעע־ווייסער מאנטעל פון ליינען
פאלבט זיך אראב פון די נאקעטע אקסעל,
שאטענט אויף זיך די וויך־זילבערנע לאקען,
שאטענט אויף זיך די וויס־צאפלענדע בארד,
פאלבט זיך אריין אין די נאקעטע טריט.
שטיל דורך דער נאכט קומט דער קעניג צום היכל,
בלאנדזעט אין פינסטער דורך ווייסליכע זיילען,
ציהט זיך צום גאלדענעם אבגלאנץ פון טראהן.
ס'הויבט זיך געהארכזאם א לויכטענדער שטאפעל,
הויבט ער זיך מיט איבער אדלער און לייבען
ביז ער בלייבט זיצען אין אדלערשע ארעמס.
פליהען צוויי טויבען אראב פון'ם פורפור,

לעגעו א פארמעט צו איהם אויף די קניה,
פליהען צוויי אדלער — די קרוין פון יהודה
לעגען זיי איהם אויפ'ן אלט־ווייסען קאפ.
ס'בלייכט זיך א האנד אין דער פינסטער — דער פארמעט
בלייבט אויף א לויכטענדען לייבישען רוקען,
ס'בלייכט זיך א האנד אין דער פינסטער — די קרוין
בלייבט איינזאם ליגען צופוסען דעם קעניג,
בליצענדיג בלייך אויף זיין נאקעטען לייב.

טויב און אדלער, קרוין און פארמעט, אלטע דינער, שוין און גרויסקייט!
זאל נישט וועה טהון אויפ'ן קעניג, וואס ביי זילבער־ווייסע לאקען
מיט אן עלטער־קראנקען ארעם, אין א נאכט פון פינסטער־שרעקען
האט ער שוין פון יאהרען שטענדיג, אלטע טרייהייט אבגעשטויסען.
יאהרען שטענדיג האבען לעפצען אונטער קרוין און שוין פון פארמעט
שטראמען ווערטער, פלאמען־ווערטער איבער מענישען־קאפ צופלאסען
און צושיקט אויף זיבען ווינטען איבער אלע ווייטע לענדער —
א געשאנק דעם טיפען אבגרונד פון'ם אייביגען פערגעסען.
איז צום ווייס געוואר'נעם קעניג די בעשערטע צייט געקומען,
ליינען אנגעקליידט שטאט פורפור מיט א קרוין צופוסענס ליגען.
אהן שלוחים צום פערגעסען זיינע הארצענס־ווערטער שיקען.

ציטערנד־פעסט איז די שטימע פון קעניג,
שטיל און בעדאכטזאם קומט ווארט פון די לעפצען,
שווימט א צעוויעגטעס אין פינסטער פון היכל,
שלאגט זיך דארט אב אן די טענענבוים־ווילען,
טענענבוים־באלקען און ווייסליכע שטיינער.
דאכט זיך — עס ווערט דארט אין פינסטער געבוירען,
וועקט זיך אין קלאנגען און לעשט זיך אין פינסטער.
טיעף אבער, בלייבענד אין בלאנקען פון גינגאלד
שמייכעלט, פערוויקעלט אין ווייסען דער קעניג,
רוהט א פערטיעפטער — און בלייך־אלטע לעפצען
ריהרען זיך, פליעסען מיט דרינגענדע ווערטער.
ס'בויגט זיך דער קאפ צו דעם נאקעטען ארעם,

זילבער פון האָר, בלייבט אין ווייסליכע פינגער
און דורך די שאָטענס פון זילבערנע ברעמען
ציהען זיך בליקען אין ווייטקייט פון היכל.
קיינער וועט מיין ווארט נישט הערען. אויף רויט־זיידענע געלעגערס
איינגעהילט אין ווייסע טרוימען אונטער העלע תכלת־חופות
רוהען זיבעציג חכמים, ווייסע בערד אויף זויבער ברוסטען,
און עס וועבט זיך זונען־אויפגאנג אין די טרוימען פון דער עלטער.
פינסטער איז אין ווייסען היכל. איינגעטונקט אין קאלטען פינסטער
הויערט נאכט אויף גאָלדנע שטוהלען, גליווערט איין דאָס העלע בלאנקען,
רעקט זיי איין מיט שטומע שאָטענס, — און פערוויסטע שטעהען שטוהלען,
ווי קיין האנד וואלט נישט בעריהרט נאָך די פון גאָלד־געשניצטע אנלעהנס,
און פערוויסט הילט איין דער היכל זייל און וואנד אין פינסטער־שווייגען,
ווי די ווייסע טענענבוימער וואלטען קיין מאָל נישט געזעהן
אַלטע קעפּ און גראָהע לאָקען שאָקלען זיך אין גאָלד פון שטוהלען,
נישט געזוייגען ווערטער־מורמלען פון פערציטערט־אַלטע לעפצען.
ווערטער זיינען דענקענס־שטראָמען אויף דער שפּראַך פון מענשען־שטימען —
נאָר עס יאגט א שטראָם אריבער און צוריק וועט ער נישט קומען.
שווייגענס־שעהן פון פערגעסען וועלען איינשלינגען די אַלטע.
ווייסע זיבעציג חכמים, זילבער־בערד אויף זויבער־בריסטען,
ס'וועט פון זיי קיין שפּור פערבלייבען איבער שטעג און וועג און טעפּיך,
ווי ס'וואָלט קיינמאָל נישט געפאלען אויף די קעפּ קיין בוימער־שאָטען,
ווי ס'וואָלט קיינמאָל נישט געלויכטען איבער זיי די זונן פון הימעל.
אלץ איז וויסט און אלץ איז נישטיג, ווי א ווינד, וואָס געהט אריבער.

II.

קעניג־חכם, פרייער הערשער, שעהנער האָר בין איך געוועזן.
האָב געזאגט א ווארט א שטילען — איז פון טייך, וואָס געהט ביי פלשתים,
ביז'ן גרעניץ פון מצרים האָר און שקלאַף געבליבען שטעהען,
און דעם קאָפּ אראבגעזונקען אויף דער ערד געפאלען נידער
און געוואָרט, דעם קעניג'ס ווילען צו פערנעהמען און ערפילען.

האָב געשיקט מיין שטים בעפעהלענד — זיינען מתנות הָגעבט און הָנעכטינס
אויף די פעלדער, אויף די גערטנער, ווי די היישריק אָנגעפאלען —
פון די בויגעדיגע זאנגען אלע פולסטע אבצושניידען,
פון די צייטיג־פרישע פרוכטען אלע שווערסטע אבצוטרייסלען,
און די פעטססטע קיה און רינדער פון די שטאהלען אויסגעקליבען,
פון די וועלדער — שטארקסטע בוימער איינגעהאקט און אויסגעבראכען —
און וואו ס׳קען א בליק נאָר פאלען אויפ׳ן לאנד פון קעניג׳ס הערשאפט,
ציהען זיך שוין איבער וועגען אָקסען, מויל־אייזלען און אייזלען,
אָנגעלאָדענט מיט געשאנקען פאר׳ן גרויסען קעניג׳ס פּאלאַץ.
און ניט שקלאפען — האר און הערשער פון די ווייטע קעניגרייכען
זאמלען אויף דאָס בעסטע, שעהנסטע, וואס א לאנד און פאָלק פערמאָגט נאָר,
אויסצובייטען עס אויף ווערטער, קלוגע ווערטער, שעהנע ווערטער
פון דעם קעניג־חכם׳ס לעפצען, און מיט שטילען וואונדער־שמייכעל
נויגען זיי זיך, בויגען זיי זיך פאר זיין פראכט און גלאנץ און רייכטהום.
צווישען קעניגען א קעניג בין איך מעכטיגסטער געוועזען.

כ׳בין אין טאטענס הויז געוואקסען, ווי א צעדער־בוים אין בערגער.
שפּייז געשעפּט מיט שטאָם און ווארצעל פון׳ם זאפטיג־טרייען באָדען,
לופט פון אייביג בלאָהען הימעל מיט׳ן צווייג און בלאט געטרונקען —
וואקסט א שטאָם אין זון און שטראהלען, שטייגט א קרוין צום לייכטען וואָלקען,
שפּיעלען זיך די פעסטע צווייגען מיט די שארפע בערגער־ווינדטען,
און פון ווייט ארום די פּאַלמען, יונגע טעכטער פון דער וויסטע,
ציהען אוים די ברייטע בלעטער, געהען אוים פון דורשט און בענקשאַפט.
האַקען — שאָטענס, נאכט אין אויגען, בוימער וואוקס און הערדענאַרעמס,
הארפענקלאנגען אויף די לעפצען, פון די לעפצען פייל און בליצען,
איז דעם קעניג׳ס זוהן געגאנגען איבער הייסע יוגענד־שטעגען, —
מיטבעגלייט פון וואונדער־שמייכעל אויף געזיכטער פון חכמים,
מיטבעגלייט פון שטאָלצע בליקען פון געטרייע קעניג־דינער
און פון שטילען דורשט און ווילען אויף די צערטליכע געזיכטער
פון ירושלים׳ס מיידלעך, פון די פרעמדע קעניג־טעכטער.
און דערנאָך, ווען יוגענד־שטראָמען, פינקלענדיג מיט לוסט און ליעבע,

האָבען איהם געבראַכט א יונגען צו דעם טראָהן פון טאַטען׳ס הערשאַפט,
האָט ביינאַכט אין טרוים פון שלאָפען גאָט פון טאַטען זיך בעוויזען
פאַר די אויגען פון׳ם קעניג, איהם פון יוגענד־שלאָף צו וועקען,
צויבער־קראַפט אריינצושפּראַצען אונטער זיינע שוואַרצע ברעמען
און פאַר איהם צו מאַכען אָפען מענשענזעלע און געדאַנקען.

האָב איך זיך געלאָזט אין לעבען איבער די בעשעהרטע שטעגען.
וואָס דער ערשטער שריט אויף יעדען איז פון טראָהן־שטאַפּעל געוועזען.
און אויף איינס פון מיינע שטעגען איז א שטילע נאַכט געלעגען.
ליעבע־בליצען, צויבער־בליצען האָבען פון דער נאַכט געשימערט,
און אָרום, פון שטילען פ נסטער, האָבען מיר דעם וועג פערשווינדעלט
בליקען דורשטיגע און אָרעמס, גאָלדיג־צאַרטע פרויענאָרעמס, —
און געפאַלען בין איך דורשטענד, אין א נעץ פון לוסט געפאַנגען,
כ׳בין געפאַלען, אויפגעשטאַנען, אויפגעמינטערט זיך פון צויבער,
און אָרום נאָך אָרעמס גאַרען, אָרעם צערטליכער פון אָרעם, —
בין איך נאָך און אַלץ געפאַלען, אויפגעשטאַנען און געגאַנגען.

און דער צווייטער פון די שטעגען איז אין זונענשיין געלעגען.
ס׳האָבען פעלדער זיך געגאָלדיגט אויפ׳ן פאַל פון בערגער־קאַרקען,
ס׳האָבען וועלדער זיך געטונקעלט אויף די שפּיצען פון די בערגער,
ס׳איז א טייכעל, שטראַהל געפּערעלט, ווייט אין טאָל אוועקגעפלאָסען,
און א הימעל, בלאָה־געוועלביג, האָט אויף באַרג און טאָל פערשפּרייט זיך
אין דעם וואַלד און פעלד און טייכעל, און דעם קליינעם, קליינעם מענשען
מיט זיין זעהען, מיט זיין אָטעם איינגעשטיקט און איינגעשלונגען.
האָב איך ווייט אין רוים פון בערגער א געשריי ארויסגעלאָזען —
זיינען דינער אָנגעלאָפען, האָבען זיי די אַלטע בוימער
אויסגעריסען פון די וועלדער, האָבען זיי די פּערעלשטראַהלען
אויסגעשעפּט פון קלאָרען טייכעל, האָבען זיי די זינגער פויגעל
אויסגעפאַנגען פון די פעלדער, — און א פּאַלאַץ, גאָלד בעשאָטען,
אויפגעהויבען פאַר׳ן קעניג אין דעם בלאָהען רוים פון הימעל, —
האָב איך וואַסערן געלאָזען, וואַלד און שפּראַצלינג צו פערפלאַנצען.

האָב איך שקלאַפֿן, אנגעזאַמעלט, דיענסטען, הײַזלײַט אויפגעקליבען.
פיה און רינדער, גאָלד און זילבער, גאָלדענע רײַט־וועגען און רײַטער.
כ׳בין געוואָרען האַר און הערשער, כ׳בין געוואָרען ערדען־קעניג, —
נאָר אַלץ ברייטער, גרויס און פרייער זיינען באַרג און פעלד געוואָרען,
נאָר אַלץ טיעף און הויך געוועלבטער האָט זיך הימעל בלאָה געהויבען,
און אין נייעם דורשט און לוסטען בין איך נאָך און אַלץ געגאַנגען.

און דער דריטער פון די שטעגען איז דורך שטאָדט און דאָרף געלענען.
צווישען ווייסע זילבערשטאַנגען, אין א העלער זיידנער חופה
בין איך אויף די דינער־אַקסעל איבער גאַס געווען געטראַגען.
און אַרום דער זיידען־חופה האָבען מענשענקעפ געווימעלט,
און דערגאַנגען איז צום אויער א געבעט פון שטימען טויזענד!
„קעניג אונזער, נויג דיין אויער צום געבעט פון שטימען טויזענד!
„זאָל אין דיינע צויבערפינגער ווידער ציטערן די האַרפע,
„וואָס האָט מוט און קראַפט געגעבען פאַר׳ן פאָטער דוד׳ס לעבען,
„לאָז אויף אונז די פונקען פאַלען פון דיין צויבער־גלאַנץ און שעהנהייט
„וואָס האָט דיך געמאַכט צום קעניג מיט׳ן הויכען הימעל׳ס ווילען.
„קעניג אונזער! קעניג אונזער! גנעדיג זיי מיט פאָלק און קינדער!“
און איך האָב דעם טאַטענס האַרפע אין דער צויבערהאַנד גענומען,
כ׳האָב מיין זילבערשטימ דערהויבען, און געזונגען זילבערליעדער.
טרוימענלידער פון די רויזען, וואָס צובליהען זיך אין פריהלינג
אין די פעלדער, אין די טאָלען אויפ׳ן שרון און לבנון.
פון מיין מילד־קליינער געליעבטער, צו א פעלד־בלימעל געגליכען,
פון די נעכט פון אונזער ליעבע אין די ווייס בעטהויטע גערטנער, —
און איך האָב מיין שטים דערהויבען, און עס פליהען בליצענווערטער,
ווי די אויסגעשניצטע פיילען אין געבעט פון שטימען טויזענד, —
און אַרום, עס וואַקסט א טומעל — „קעניג רעדט און קעניג זינגט אונז!“
און אַרום, עס וואַקסען מחנות, מחנות קעפ און דורשטענבליקען,
און ווי זילבער קלינגט מיין שטימע, און די אַלטע האַרפע ציטערט.

און דער פיערטער פון די שטעגען איז דורך מענשען־קנויל געלענען.
ווי אין ביהנענשטאָק די ביהנען האָבען שטימען זיך געפלאָכטען,

ווינען מענשען אײנגעפלאַנטערט אײנס אין אנדערן געלעגען.
אײנס דעם צווייטען אויף די קארקען, אויף די קעפּ ארויפגעקראכען.
און בײ די, וואָס שטעהען אויבען, ברענען, פלאַמען הונגער־אויגען.
הונגער־מײלער אויפגעעפענט, ווײסע צײהנער קוקען שארפע,
און די הענד, געדרעהט ווי בויגען, און די פינגער ווי די נעגעל,
און די שטימען, ווי געשרייען פון די לעמפּערטען אין וויסטע.
און פון די, וואָס ליגען אונטען, הערט זיך נאָר א וועה פערדומפּפען
און פון ווייטען ערגעץ גיסט זיך, גיסט זיך, פליסט א שטילער יאמער
און צושווימט זיך ווי די פאליעס איבער קרעכצען און געשרייען,
און וואו נאָר מײן פורפורמאנטעל האָט ערשיינט אין פאליעס יאָמער,
וואו די שײן פון קעניג׳ס אויגען איז אין טונקעל־קנויל געפאלען,
זעלען טונקלע אויפגעעפענט און בעוויזען רעכט און אונרעכט, —
ווינען הענד אראבגעפאלען, ווינען שטיל געווארען בליקען, —
און עס שטעהען מענשען־קינדער, און זיי אָטעמען פערוואונדערט,
געהען אב א טריט און מורמלען,̀ מורמלען שטיל „עס לעב דער קעניג !“

און דער פינפטער פון די שטעגען, און דער זיעבעטער, דער צעהנטער —
אלע ווינען זיי געוועזן נאָר וואסער קוואלען, רעגענוואלקען
פאר׳ן פעלד דעם אויסגעדורשטען, פאר מײן אויסגעדורשטע זעלע,
וואס האָט אייביג נאָר געלעכצעט נאָך די זאנפטע ליעבע טראפּענס,
נאָכ׳ן קלינגענדיגען רעגען פון געזאנגען, רוהם און שעצונג,
נאָכ׳ן קלאָהרען וויסען־וואסער פון פערבארגען ווייטע קוואלען.
און האָב איך אויף שטעג און וועגען מיינע ליעדער אויסגעזונגען,
האָב איך פונקענווייז צעווארפען מײן בעשערטע הימעל־רייכקייט, —
ווינען דאָס געוועזן נאָר זאנגען מיט א גאלדענגלאנץ בעשאָטען,
וואָס דאָס פעלד, נעזעטיגט־פרוכטבאר, האָט ארויסגעשיקט צום הימעל
זיך אין לייכטע ווינדטען וויגען, לופט און שײן פון הימעל טרינקען.
און עס האָבען זיך די שטעגען אויפגעגאסען און געאייניגט,
און עס האָט מײן דורשטען זעלע אומגעפלאטערט צווישען וואָלקען —
אל די קלאָהרקייט פון׳ם הימעל, אל די שײן פון זונענשטראהלען,
אל די פראכט פון ערד און ימים אויסצושעפּען, איינצוזאפּען.

ס'איז קיין בלימעל נישט געוועזן אין דער ווייט און ווייטסטע לענדער,
וואס זיין זים און שכור ריח זאל מיך האבן אויסגעמיטען.
ס'האט די ערד קיין קלאנג געבוירען, וואס האט נישט דערגרייכט מיין אויער,
ס'האט דאס לעבען נישט קיין אטעם, וואס זאל נישט מיין ברוסט דערהויבען.
ס'איז דאס לעבען א געליעבטע אין די שטארקע שלמה'ס ארעמס,
שלמה איז דער הייס געליעבטער אין'ם ציטערשוים פון לעבען.
האלט זי איהם אין איהרע ארעמס און ער טרינקט פון איהרע לעפצען.
ווערט ער שכור פון'ם טרינקען, פאלט ער מיעד פון הייסען אטעם,
שלאפט ער איין אויף איהרע בריסטען, און זי גלעט איהם זיינע לאקען
די געדיכטע שווארצע לאקען, און זי קושט איהם זיינע אויגען,
און מיט הענד פון אהנמאכט בויניג, גלעט זי זיינע פעסטע אקסעל
און די לעפצען איהרע מורמלען: שלמה, שלמה, הייס געליעבטער!
זאל מיין אטעם דיך פערוויגען, רוהיג שלאף אויף מיינע בריסטען.
כ'האב פאר דיר געפלאנצט א גארטען אין א טאל ביים שטילען טייכעל,
אין'ם טאל ביים שטילען טייכעל האב איך פויגעל אויפגעזאמעלט,
האב איך שטראהלען אויפגעקליבען פון פיער עקען וועלט און הימעל,
ווען סטו שטיל פון שלאף אויפוואכען, וועל איך דיך אין גארטען פיהרען,
לאזען שפיעלען אין די שטראהלען, מאכען טרינקען פון'ם וואסער,
מאכען הערען פון די קלאנגען פון די בלייך־געפארבטע פויגעל — — —

שלמה איז א הייס געליעבטער אין'ם ציטערשוים פון לעבען.
און אמאל אין ליעבע חלום, ווען ער האט מיט ברוסט און ליפען
וויין געטרונקען פון איהר אטהעם און געהילט זי אין די ארעמס,
האט זי שטיל איהר קאפ דערהויבען, אין זיין קעניג־אויג פערקוקט זיך,
און אזוי געזאגט האט לעבען צו דער ליכטיגקייט פון הימעל:
„פון'ם אנהויב ערשטע דורות, צווישען אלע מענשען־קינדער,
האב איך מיין געליעבטען חתן איבער ים געזוכט און לענדער.
צייטיג איז מיין ברוסט געוועזן, איבערפול דאס הארץ געוועזן,
און געדורשט האבען די ליפען — זאל צו מיר דער איינער קומען
אויף די פליעגלען פון די ווינטען, זאל ער פאלען אין מיין אטעם,
און די מילך פון מיינע ליפען מיט די הייסע קושען טרינקען,

און דעם ווייַן פון מיינע אויגען מיט די דורשטענבליקען שעפּען.
כ'האָב געזוכט איהם יאהרען טויזענד, איבער ים'ען, איבער לענדער —
ווייט געווען איז מיין געליעבטער, און דער ווינד געווען איז פיינדליך.
נאָר אמאָל איז הייסען וואָגעל האָב איך אויף א וויסטען־פּאַשע
אויפגעזוכט א יונגען פּאסטוך מיט א בויגען, פייל און פייפעל —
שעהן און שטארק איז ער געוועזען — האָב איך ווילען איהם געגעבען
קעניג, האר און זינגער ווערען, און געזאגט איהם, און געזאָגט איהם.
געה און ברענג מיר מיין געליעבטען, געה און ברענג מיר מיין געליעבטען!
און ער איז אוועקגענאנגען, האָט געליעבטען מיר געבוירען — — —

שעהן און גרויס איז מיין געליעבטער, אויסגעבענקטער, אויסגעטרוימטער,
וועט ער זיין מיין שטאָלצער קעניג איבער דורות איין און איינציג,
וועט ער זיין די קרוין פון לעבען, וועט ער זיין איהר שאפונגס־ציערונג.
און אויב ס'זענען מענשען — זאנגען אויף די ברייטע לעבענס־פעלדער, —
שלמה איז א בוים אין בליהען, איבער פעלדער א בעצווייגטער
און אויב ס'זיינען מענשען—בוימער אין די אלטע לעבענס וועלדער, —
שלמה איז א בארג אין וועלדער מיט א שנייען־קרוין אין הימעל...
שלמה איז א הייס־געליעבטער אין דעם ציטערשוים פון לעבען,
ס'איז דאס לעבען — א געליעבטע אין די שטארקע שלמה'ס אָרעמס".

III

אלין איז וויסט און אלין איז נישטיג, ווי א ווינד, וואס געהט אריבער.
ס'ווערט אין לייד א מענש געבוירען, ס'וועקט זיך אויף א לעבענס־ווילען.
צווישען טרייע מוטער־בריסטען דרימעלט שטיל א קינדער־זעעלע,
א פערמאכט ווייסע קנאָספּע פון א צארטען פריהלינגס־בלימעל,
און מיט בלינדע ליפּען זויגט עס לעבענס־קראפט פון מוטער־בריסטען,
זויגט און ציטערט, זויגט און וועקט זיך, פלאטערט אויף מיט בלאט און שטענגעל
ביז די אויגען ווערען אָפען און ס'ערשיינען ערד און הימעל,
ווי אין שטילען שפּיגעל־וואסער פון א שמייכעלדיגען קוועלכעל.
ווערען אָפען קינדער־אויגען — צינדט זיך אָן א הייסע יוגענד,

יאָגט זיך לוסטיג אין דער זון־שיין איבער גרינע פריהלינגס־פעלדער,
און עס ווערען פול די הערצער, לעפצען יונגע שמייכלען פריידיג,
שמייכלען לוסטיג, רופען הארציג איבער יעדער שטראהל און בלימעל,
זאנג און בלעטעל פריש־ענטדעקטע, — נאָר דער ערשטער קינדער־שמייכעל
פון דער אויפגעוואכטער זעלע וועט אויף אייביג ערשטער בלייבען. — — —
אונטער הויכע פייגענבוימער, צווישען זאפטיג־פרישע גראזען
גיסט זיך לייב און פלאָם צוזאמען, ליפּ צו ליפּ און האַנד אין אָרעם,
ברוסט אויף בריסטען ברויזט און הויבט זיך, בלוט אין אָרעמס זידט און יאָגט זיך,
ווייכער פרויען־קערפּער בויגט זיך צווישען הענד אין קראַמפּף געפלאכטען,
און פון אונטער מענער־אטעם, איינגעשטיקט אין קערפּער־צאפּעל
וויקעלט זיך א קרעכץ פערשטיקטער, א געשריי פון ליעבע וועהטאָג — — — —
ס'רייסט זיך איינמאָל נאָר פונאַנדער טוי פון יוגענד אין די בלוטען,
ברעכט זיך אויס אין פייער־אויסגוס און פערפלייצט בעגעהר און ווילען —
ווייטער צינדען זיך נאָר פלעמלעך און פערגעהען אויסגעברענטע.
און פערבענקט נאָך יוגענד־פייער זוכט עס אום א מענש פערצאַפּעלט,
זוכט עס לאַנגע וואָגעל־יאהרען צווישען טויזענד הינדרען־בריסטען,
נאָר דער פייער איז פערפלויגען און צוריק וועט ער נישט קומען.
ליעבע־דורשטיג, לעבענס־דורשטיג טיילט ער בעט מיט פרוי און ווייבער,
נעהמט פונאַנדער אלטע צוימען פון זיין פאטער'ס פעלד און גאָרטען
נייע זוימען צו פערזייען, בוימער יונגע צו פערפלאנצען,
הייטער שפּראָצען פרישע לעבענס אין די ווענד פון אלטען הויז־נעסט,
און געוועקט פון שטימען יונגע, אויפגעריהרט פון קינדער־לאכען,
רוקען זיך די ווענד פונאַנדער — זאל דער הויז־דאַך ברייטער ווערען
און בעשיצען מיט זיין ברייטקייט פרוי און ווייבער, קינד און קינדער.
ס'פּאַליען זיך די פעלדער זאפטיג, איינגעוויגט אין גאלדען־זאנגען,
אין די גערטנער מורמלען קינדערש פריש־געפלאנצטע בוימער יונגע,
און אין העלען רעגענבויגען פון צובליהטע קינדער־שטימען
וויגט זיך בלינד א מענש אין פּאַליעס איבער פלינקע לעבענס־רגע'ס,
נאָכצויאָגען רוהם און רייכקייט, לוסט און ליעבע, פרייד און תענוג,
וואָס פערנארען פון דערווייטען מיט'ן גלאנץ פון נינגאלד־שטערען,
און צולעגען זיך ווי שאָטענס אין'ם גאנג פון לעבענס־פּאַליעס.

און ווערט אַנגעגרייפּט אַ שאָטען, ווערען שטראַהל און גלאַנץ בעצוואונגען,
פאַלט דאָס בלאַנקען פאַר די אויגען אין אַ ווינדטעל איש פונאַנדער,
און ס'פערדונקעלט בליק און ווייטקייט. און ס'פערשפּינט דאָס האַרץ אין נעבעל,
באַנגשאַפט־נעבעל אויף די טרוימען, מיט'ן ווינד אין שטויב צוטריבען.
נאָר אין הייסע דורשטען־ווינדטען, און בעגעהרען־פּיין און בענקשאַפט
יאָגט עס ווייטער איבער פאַליעס צו דעם פאַלשען גלאַנץ און בלאַנקען,
ווייך בעגעהרען־פּיין צו שטילען מיט'ן שפּיעל פון שאָטענס בלייכע,
איינצושלעפערען די זעעלע אין געדיכטען וועהטאַג־נעבעל.
שטויב נאָך שטויב און איש פון שאָטענס — פאַלט אַ בלינדקייט אויף די אויגען.
פאַלט אַ טונקעל־מיעדער שלייער אויף דער אויסגענאָגטער זעעלע,
און שטילען־שטילען וועהטאָג הויבט אַ ווילען אָן צו נאָגען
און צוריק אַהינטער ציהען אויף די העלע יוגענד־שטעגען,
וואו עס שפּראַצען בלימלעך קינדערש, וואו עס גרינען פעלדער זאַפטיג,
וואו די שטילע מורמלער־בוימלעך וויגען איין צום שלאָף־געלעגער
און עס ציהען זיך מיט ליעבע, מיעד פון זון־ליכט אָרעמס ווייכע — — — —
נאָר אין גאַנג פון לעבענס־פאַליעס. יאַגען ראַש די פלינקע רגע'ס,
יאָגען ווייטער, יאָגען ווייטער — און אָט זעהט זיך שוין פון ווייטען —
גראָהער הימעל שוועך פערוואָלקענט, בוימער צווייגלעך הוילע שטאַרבען,
פוילע בלעטלעך שטיל זיך וואַקלען צווישען קאַלטע ברומער־ווינדטען,
און די פלינקע לעבענס רגע'ס ווערען קאַלטער, ווערען שווערער,
פון'ם וואָלקענדיגען הימעל הויבען בליטהלעך אָן צו פאַלען,
ווייסע, ריינע שנעען־בליטהלעך, און פערווייסען באָרד און לאָקען,
מאַכען שטיל דעם קאָפּ געזונקען צו דעם שנעע־פערווייסטען באָדען,
און עס ווערט דאָס לייב געדונצעלט פון די שניידענד־קאַלטע ווינדטען,
ס'פאַלען אָב די הענד אין אָהנמאַכט, ס'ווערען אויגען איינגעגראַבען.
און אַזוי קומט אָן דער ווינטער, און אַזוי קומט אָן די עלטער
אויף דער אויסגענאָגטער זעעלע אָבצופיהרען זיך דורך שטעגען,
ווייסע, קאַלטע ווינטער שטעגען — צו דעם קוואַל פון איהר געבוירען.

תרס"ח — תרס"ט.



היימישע בילדער

דער טאַטע — אַוועק אין בית-המדרש צום דאַוונען.
דער יונגערער ברודער — איך הער איהם שוין אויך נישט.
אין פענסטער די זון שיינט, עס טומעלט פון דרויסען —
איך נורע זיך טיעף אין דער קאָלדרע און דרימעל.

עס קומט צו די מאַמע, אַ שטילע, און וועקט מיך:
—די טהיי איז שוין אויסגעקאָכט, נעהם טהו זיך אָנ׳עט!
נאַר וועקענדיג, דעקט זי מיך איין, און איך בעט זיך:
— באלד... באלד... — און עס שליסען זיך ווייטער די אויגען.

ס׳איז שווער זיך צושיידען מיט דרימעל-חלומות
פון לויטערען, שטילען און פרישען בעגינען.
דעם פלאָנטער פון בילדער און טרוימען צורייסען —
עס ווילט אַזוי נישט, עס גלוסט זיך אַזוי נישט!...

צו דריי מאָל בעגאָסען די רעכטע און לינקע,
פערנעבעלטע אויגען מיט קאַלטקייט געלויטערט,
די מילך-טהיי געטרונקען, און כ׳פיהל שוין דאָס בעטען
אין בליק פון דער מאַמען: נעהם, זוהנעלע, דאַוונען!

נעהם, זוהנעלע, דאַוועןְ! זי קוקט אַזוי באנגליך,
זי נעהמט מיר אראָב פון דער וואנד אַ פּאָר תפילין,
און ס׳קרענקט מיר — איך וויים, אַז זי וועט שוין נישט פרעגען:
— וואו האָסטו די אייגענע תפילין געלאָזען?

און עפּעס דערוועקט זיך אין מיר פון איהר בעטען,
און אפשר פון שטוב, פון דעם היימישען טומעל,
און אפשר... און אפשר פון גאָר עפּעס אַנדערש —
איך וויקעל די האַנד אין די לאַנגע רצועות.

כ׳האָב שוין אַזוי לאַנג נישט קיין תפילין געטראגען,
כ׳האָב שוין אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג נישט געדאווענט!
צי האָט זיך מיין קוואל פון געבעטען פערשלאָסען,
צי האָט זיך פערשלאָסען מיין וועג צון׳ם הימעל?

גאַנץ אָפט ביי דער נאַכט אויפ׳ן בעט פלעג איך פאלען,
פלעג שעהן-לאַנג ליגען מיט אויגען פערמאַכטע,
און ס׳האָט זיך געברומט פון געשלאָסענע ליפּען,
און ס׳האָט זיך געזונגען, געזונגען אין פינסטער.

און אָפט אין פריהמאָרגענס אין אומרוה און אומעט
פלעג איך זיך אין צימער קיין אָרט נישט געפינען,
און אַלץ עפּעס טענער פעראומערטע ציהען
און ציהען פון ערגעץ פעראומערטע קלאַנגען.

וואָס איז דען געווען אין די אומעט-פריהמאָרגענס
און שלאָפלאָזע נעכט אויפ׳ן בעטעל אין פינסטער?
דאָס האָט זיך געלעבט איהרס אָן אייגענעם לעבען
מיין שטילע, פערטרויערטע קינדער-נשמה.

זי האָט זיך פון וויעגעל אין תפלות ערצויגען,
געוואַקסען אין אַלטע געבעט-פולע קלאַנגען,
און ווען כ׳האָב מיין קאָפּ אָהן אַ היטעל געלאָזען,
דעם סדור פערשלאָסען, די תפילין פערגעסען —

האָט זי אויך פערגעסען אן מיר — און בעהאַלטען,
בעהאַלטען געלעבט זיך איהר אייגענעם לעבען:
אַליין פאַר׳ן שלאָפען איהר קריאת-שמע געלייענט,
אַליין אין פריהמאָרגען איהר שחרית געדאַווענט....

און ס׳האָבען זיך ווידער צוזאַמען בעהאַפטען
דאָס לייב און דאָס לעבען, אין וואַגלען צושיידטע.
עס האָט זיך דער בראָך אין מיין לעבען און וועלען
פערשפּינט מיט דער רוה פון דער היימישער שטילקייט.

עס האָט זיך פערוועבט מיט די אַלטע געזאַנגען,
וואָס שוועבען פון מיר און פערוויקלען מיך לופטיג,
אַזוי ווי ס׳פערוויקעלט אַ טלית אַ ווייסער,
אַ צייכען פון שטערבען צום הימעל אין גאַנצקייט —

און, מאַמע נישט קוק מיט די טרעהרענדע אויגען!
דו זעהסט דאָך — איך דאַווען, עס בעט זיך, עס גלויבט זיך,
עס האָט זיך מיר שטענדיג געבעטען, געדאַווענט, — — —
גלויב, מאַמע, דו הארציגע, גלויב אין מיין גלויבען!...

איך וואַנדער אין גאָרטען, איך וואַנדער דורך קרומע
געקרייצטע אַלעען און פאַלענדע בלעטער,
און פאַלענדע, פלאַמענדע, הערבסטיגע בלעטער,
וואָס ווערען צוטראָטען דורך מיר און פערגעהען.

איך געה צווישען הוילע און האַלב-הוילע בוימער,
וואָס שטאַרצען און קנאַקען מיט טרוקענע צווייגען,

אין גנה אין אַ גאָלדענעם מבול פון שטאַרבען,
וואָס לעגט זיך אויף מיר און אויף דר׳ערד, ווי אַ רעגען.

און זון! שיק אַראָב, שענק מיר נאָך אַ פּאָר שטראַהלען
און וויקעל דעם גינגאלד פון ערד אין דיין גינגאָלד,
באָד אוים איהרע פלאַמענדע הערבסטיגע בלעטער
אין דיינע אבשטאַרבענדע הערבסטיגע שטראַהלען

און זעגען זיך אָב מיט איהר, צערטעל זי, קוש זי —
געדענק — ס׳קומט אַ טויט אויף אייך ביידען, אויף ביידען!
און איך וועל דעם קוש מיט די אויגען אויפכאַפּען
און איבער דער שטאַרבענדער וועלט איהם צוטראָגען.

...עס פלאַקערט און קנאַקט אויפ׳ן קוימען דער פייער
און שפּיגעלט זיין שיין אויפ׳ן שטערען דער מאַמע׳ס —
כ׳האָב מורא צו טראַכטען, נאָר ס׳דאַכט מיר, איהר פּנים
איז גלייך צו די בלעטער פון הערבסט אין׳ם גאָלד-ליכט.

און אָט איז דער טאַטע, ער ווישט זיך די ברילען,
פּערקוקט זיך און זאָגט דעם „גאָט העלף״ אזוי ערנסט...
עס שמעקט אזוי ליעבליך דאָס עסען דער מאַמעס,
און ס׳בינדט זיך דער היימישער באַנגליכער שמועס.

פון יאָהרען גאַר נאָהענט און שמערצען געשטיקטע,
פון צייטען פערגאַנגען און אייביגע ליידען,
פון גרויזאַמע לענדער, און הימעלשען אָרעם,
וואָס האָט זיבען מאָל זיי געצאָהלט פאַר דער שלעכטקייט...

און האַרצדיג-באַנג איז די שטימע דעם טאַטענס,
און כ׳שפּיר נישט די ליידען, און ס׳פרעהט נישט דער אַבצאַהל—
עס שוועבען נאָר קלאַנגען בעקאַנטע פון ערגע׳ץ
און ברענגען צושוועבען פון יוגענד די בילדער.

איך זיץ אַ צושראָקענער אינגעל מיט אויגען
ביי׳ם אָפענעם ספר ישעיה געעפענט,
און איבער׳ן צימער דער טאַטע שפּרייזט אומ׳עט
און כ׳וויים נישט, פון וואַנען עס קומען די ווערטער.

עס בלאַנדזשעט דאָס אויג נאָך די טריט פון׳ם טאַטען,
עס בלאַנדזשעט דאָס אויער די ווערטער צו פאַנגען,
עס בלאַנדזשעט אין ספר, עס מישט זיך אַ בלעטעל —
און כ׳וויים נישט — די ווערטער פון וואַנען זיי קומען.

און ס׳איז גאָר קיין ווערטער נישט — קלאַנגען בעהארצטע,
זיי פלעכטען זיך היציג און פאלען צושפּרייטע,
און כ׳זעה שוין קיין ספר, און כ׳זעה נישט קיין טריט מעהר —
עס טרינקט זיך אַ צימער אין קלאַנגען, וואָס דראָהען.

עס איז אַזוי שרעקליך די שטראָף, וואָס וועט קומען —
פאר וואָס? כ׳האָב דאָך גאָר נישט, כ׳האָב גאָרנישט געזינדיגט!
ניט שטראָף אַזוי שרעקליך — דו ביסט דאָך אַ טאַטע,
איך בין דאָך דיין קינד, כ׳וועל נישט זינדיגען — קיינמאָל...

ניין, שטראָף מיך נישט, טאַטע! איך האָב נישט דיין לעבען
געלעבט, נישט געוואָגעלט אין קינדערשען עלענד

צו זוכען דאָס וואָרט, אַ פערבענקטער נאָך לעבען,
צו טרינקען פון קוואלען פון אייביגע ליידען.

איך בין נישט קיין גלות, ווי דו, אָבגעקומען,
ווי דו און נאָך טויזענדער אייביגע וואנדלער —
דערפאר איז דיין הערציגעס וואָרט מיר געבליבען.
און ס׳איז מיר געבליבען דער אייביגער ספר.

דאָס הייליגע בוך פון דער וועלט און בעשעפער,
אין קלאנג פון דיין הערציגער שטימע פערבונדען.
און זאָלען מיך שרעקען פון צפון די שרעקען
און זאָלען מיר שמייכלען פון מערב די שייערען. —

ס׳וועט אייביג מיין בענקשאפט צום מזרח מיך ציהען,
צום מזרח, וואָס גליהט, ווי די שפּראך פון דיין הערצען.
ניין, שטראָף מיך נשט, טאַטע — דיין קינד איז אונשולדיג,
ס׳טהוט שלאָגען דיין וואָרט אין זיין יעדווידער אָדער.

תרס״ח.

אין אַ פּוילישען דאָרף

עס אָטהעמט וואלד אין זונען-ליכט
מיט סאָסנע-ריח אין געזיכט
עס הערט זיך פויגעל קלינגען ברייט
עס ווינקען בלימעלעך פון אַ בייט
עס בלאנקט פון גרינם אַ ווייסע קלייד,
אַ ראָזע סטענגע — און בעגלייט
פון שווארצע רעק און אייזעל-טריט,
שפּאצירען דאָמען פויל און מיעד,
און קולי׳כלעך קלינגען אַזוי זיס,
אַז ס׳שוועבט דאָ, דאָכט זיך, אום אַ גרוס
פון בודוארען, וויים און ראָז
אויף בייטען גרין און גרינעם גראָז.

איך האָב אַ פעלד מיט רוים און לופט
און ס׳שמעקט מיר צו פּארפומען-דופט
עס וועקט מיך אויף דער וואלד-געהילך
צוזאָמען מיט אַ גלעזעל מילך,
עס שלעפּט מיך איין דער בוים-גערויש,
און דעם תנ״ך האָלט איך אין קויש,
חייל ס׳ליעגט סלאָוואצקי אויפ׳ן טיש,
צי כ׳וויל עס יאָ, צי כ׳וויל עס נישט.

עס רופט אַ גלאָק צו מיטאג אויף,
און לאָנגזאם קומט מען זיך צונויף.
אַ ווייסער טיש, געווייסטע װענד,
געבלויזטע העלזער, בוזעמס, הענד,
געפּרעסטע קראגענס, ווייסע וועסט
און גאָלד אין פינגער איינגעפּרעסט.

געפוצטע נעגעל, שטייפע קעפ,
און פון פריזירער שווארצע צעפ.

די יונגע דאָקטאר׳ס פרוי, וואָס היט
אַ שמייכעל גרייט אויף יעדען טריט
און אויף איהר פּנים ליעגט אַ שיין
פון פּאר׳ן געהן אין שוהל אַריין,
בעקלאָגט זיך מיט אַזאַ פּערדרוס,
אַז ס׳שמערצט איהר זעהר דער רעכטער פוס.
— ס׳איז זיכער פון אַ ביהנען-בים!
— אַזוינע עדלע פיינע פים!

איהר שכנה מיט די ליפּלעך קליין,
וואָס האָט אַזוי פיעל אידיש חן
אין יעדער גרויסען שווארצען אויג,
פּערנויגט זיך מיט אַ לייכטען בויג:
— ווי אונערטרעגליך ס׳איז די היץ!
עס זאָגט, ווי פּאר זיך, אַב אַ וויץ
אַ דיקע דאַמע ביי איהר זייט
פאַן סטעפאַן לאָזט זיך פון דער ווייט
מיט זיינע רייזעס אויפ׳ן ים
(פאַן סטעפאַן שטאַמט פון פיינעם שטאַם:
זיין זיידע, ווי איהר קוקט איהם אָן
איז גאָר אַ קורלענדער באַראָן,
נאָר אַלע ווייסען, און ס׳איז בלאַט —
ער האָט זיך נעכטען ערשט גע׳שמד׳ט).
און סטאַך די מוטער ציהט און פלאָגט:
— וואָס האָט די דאַמע דאָרט געזאָגט?

דאָס מאַנסווארג קומט פּארנאכט אַראָב:
דער דאָקטאר מיט׳ן גראָהען קאָפּ,
אַ ציטערדיגע אונטער-ליפּ

און פינגער שיטער, ווי אַ זיפּ,
רעדט פּויליש אַלץ, ווי אידיש, האַרב,
אַז ס'שטעלט זיך ביי דער ווייב דיר פאַרב.
דער שעהנער'ס מאַן — אַ דרייסיג יאָהר,
און אויפ'ן קאָפּ קיין פּיצעל האָהר,
געפעלען — זאָגט ער — בלאָנדע גאָר
און איהר — אַ הויכער שעוועליור —
זיי טרייבעןביידע כלומר'שט שפּאַס —
דער דיקער'ס זוהן איז קרענקליך בלאַס,
און ס'צינדט זיך בלייך אין אויג אַ פונק
ביי יעדען צווייטיגען וואונק,
וואָס פאַלט פון יעדער ווינקעל טיש,
עס נעהמט זיך פלעכטען אַ געמיש
פון שפּאַרע וויצען, זאַנפטע רייד
און בליקען לייכט איבער'ן קלייד
פון דער, וואָס געגענאיבער זיצט,
אַ האַנד זיך אויף אַן אָרים שטיצט,
און ס'שפּריזען אָב מיט לייכטע שפּאַן
אַ מאַן מיט ווייב און ווייב מיט מאַן.

נאָר זונטאַג זעהט עס אַנדערש אויס,
דעם טיש פון שפּייזע-זאַל אַרויס,
אין רייהען שטוהלען אויסגעשטעלט
און בענק, וואו ס'האָט אַ שטוהל פערפעהלט,
פון ברעטלעך דריי אַ קונסט-געשטעל
צונויפגעקלאפּט ביים פּאָדער-שוועל,
געצונדען ליכט, און ס'הויבט זיך אָן,
פון הינטען פּרובט מען גאָך אַ טאָן,
נור דאָ דער עולם איז שוין גרייט,
אַ אידענע אין סאַמעט קלייד
פערפּוצט, ווי אויף אַ צדקה-באַל,
אַ דאַמע אין אַ לייכטען שאַל,

וואָס לאָזט די ווייסע אַקסעל בלויז,
אַ פריילײַן — אין דער האַנד אַ רויז.
דאַנעבען רויטעלט זיך אַ קאַרק,
ווי איינער אויפ׳ן גאַנצען מאַרק,
עס שימערן סטודענטען-קנעפּ,
אויף העלע אַקסעל שווארצע צעפּ —
און ס׳זומט ווי אין אַ ביהנענשטאָק.
נאָר אָט פון הינטען קלינגט אַ גלאָק,
דער פּאַרהאַנג, ס׳הייבט די טהיר, פּראַלט אויף,
און אויף די ברעטלעך שטייגט אַרויף
פון לאַטעם אויפגעשטעפּט אַ ראָק,
אויף יעדער פוס אַנ׳אַנדער זאָק
און ביז די אַקסעל פּאות צוויי.
ער ווארפט דעם קאָפּ און טרייסעלט זיי,
דער עולם לאַכט, מאַכט שטיל און הערט,
ווי ס׳איז דעם ראָק אַמאָל בעשערט
געווען מיט הייקע׳ן זאלביינאַנד,
צו שלעפּען גרעניין-קאָנטראַבאַנד
און ר׳האָט מיט פּאות זי בעוואַכט
פון וועלנער׳ס ביקס — דער עולם לאַכט,
און ס׳אידעל מיט׳ן רויטען קארק
אַז אַלע זאָלען זעהן, קלאַפּט שטאַרק.
דאַן קומט פאָן סטעפאַן מיט אַ ליעד,
און אויגעל ווינקט און ס׳צינגעל שיט
די זאַנפטע ווערטלעך גראַם אין גראַם.
עס רויטלען מיידלעך זיך פון שאַהם,
עס לאַכען דאַמען אין די הענד,
און אויג איבער אַ וואָנסע ברענט,
און ס׳זאָגט די אידענע צום מאַן:
— ס׳אַרא בעגאַבטער יונגערמאַן!
און לאַנג און הילכיג „בראַוואָ“ קלינגט,
און אַנטעק מיט א מאַנקע זינגט,

עס צינדט אָן אויג, און ס'היצט געבליט,
ס'פערשווינדען פאַרלעך אין דער מיט, —
ס'בעהאַלט זיי נאַכט און ביימער־קרוין, —
און דאַ אַ וואַלצער הערט זיך שוין,
אַ לאַכען קלינגט פון יעדען עק
און ס'געהט דער טאַנץ ביז טאַג אַוועק.

עס רוישען בוימער מאָרגען פריה —
דער אַלטער דאָקטאָר שוין נישט הי,
עס ציהט אַ פאָרהאַנג זיך אַרויף,
פון באַנק אַנטקעגען הויבט זיך אויף
אַ שוואַרצער ראָק, די הוט אַראָב,
זי נויגט איהם שמייכלענד מיט'ן קאָפּ —
און ס'ווערט אין וואַלד אַריין שפּאַצירט,
און ס'קומט פאַן סטעפּאַן גלייך — ער פיהרט
דאָס שעהנע ווייבעל טריט ביי טריט
און זינגט אין אויער איהר אַ ליעד.

אַזוי ווערט דאַ אַ טאַג פערבראַכט,
און קומט אַראָב די אַלטע נאַכט,
דאַן זיין איך עלענד ביי אַ בוים,
פאַר די אויגען יאָגט אַ ווייסע שוים,
אין מוח טומעלט עפּעס ווילד,
און ס'דאַכט דער בוים — ער פרעגט זיך מילד
אין פּויליש־צאַרטען מוטער־קלאַנג:
— דערצעהל, וואָס טהוט דיר אַזוי באַנג?
עס מורמעלט אַרטיג בלאַט און צווייג,
איך הער די צאַרטע שפּראַך — און שווייג.

תרע"ב.

כ׳בין נישט געוואַקסען צווישען דיינע פּריצים-פעלדער, פּוילען!
דו האָסט מיין עלטער-זיידען נישט געזעהען וואַנדלען
אויף שטעג און וועגען אין דער פינסטערניש פערהוילען
דעם פּעקעל דלות פון די פּלייצעס צו פערהאַנדלען.
עס האָט מיין זיידע אין אַרענדע נישט געהאַט ביי דיר קיין פּאַכט,
עס האָבען זיך די קינדער פון דיין פעלד אין ווינטער-נאַכט
נישט אומגעוואַלגערט אין מיין טאַטענ׳ס שענקען.
און איך, אַ זוהן פון ליטא — קוים איך קען געדענקען,
אַז איך זאָל וועגן דיין שפּראַך, די ווייכליך-ווייכע
דערהערען אין מיין היים, אין שטראָם פון טויזענד בלייכע,
האָט עס אויך מיך געבראַכט צו דיר, אַ בענקענדען און יונגען,
מיין אייגען בענקען האָט פון מיר אַרויסגעזונגען,
און גלויבען מיר געמאַכט — ביי דיינע טהירען
אַ נאָהענטע ברידערליכע האַנד צו שפּירען.
איך האָב געוואוסט — עס הענגט אויך איבער דיינע הימלען
אַ וואָלקען-שווער; געפיהלט, ווי צווישען ציגעל שטיקער
פון דיינע אַלטע חורבות שטילע שאָטענס ווימלען;
געזעהן — אַ פּלאַסטער שטויב, אַ פרעמדער און אַ דיקער,
בעדעקט די לעבעדיגע שפּורען פון דיין אַלטען רוהם
און גליווערט שטום דאָס אַלטע ליעד, ווי שטום
געוועזן פאַרצייטען איז אויך אונזער יאָמערן-געזאַנג
ביי די פערצאַגטע בוימער, ביי די וואַסערן פון בבל.
עס האָט געדאַכט — איך בין אין שטוב געקומען צו אַן אבל
דער קבר פריש, דער מת אַוועק נישט לאַנג —
און כ׳האָב געפיהלט אַזוי, ווי דער, וואָס ד׳אַלטע קלאַג
האָט איהם שוין טויב געמאַכט אין וועה-טהאָן טאָג אויף טאָג,
צום יונגען, אין זיין שמערץ נאָך נישט פערשטיקטען, ברודער
פיהלט.

נאָך נישט דיין שפּראַך געקענט — און ס׳איז שוין מילד
געווען איהר קלאַנג פאַר מיר. אין יעדען אַלטען מויער
פון דער נאָך פרעמדער שטאָדט האָב איך דיין טרויער
אין שויבען טונקעלע און אָרנאַמענטען שטויביגע געזעהן,
פול אונבעקאַנטער עהרפורכט נעבען יעדען שטיין,
אויף וועלכען בראָנז פעראייביגט דיינע גייסט-בעקרוינטע זיהן,
האָב איך דעם קאָפּ גענויגט. און ווען פערטראַגען האָט עס
מיך אַהין,
וואו ס׳פאַליען זיך אין ברייטקייט דיינע גאָלדענע זאַנגען,
האָב איך אַ ווײַלע שיער געגלויבט — איך בין דיין קינד.
פון ווייטען צווישען סאָסנע-שטאַמען איז די זון פערגאַנגען,
עס האָט דאָס פעלד ביי מיינע אַקסעל זיך געוויעגט אין ווינד,
אין שטילען אָוונד-ווינד, וואָס האָט פערטראַכט געצויגען
נאָר וואָלקענדלעך בעגילדטע איבער דעכער שטרוי,
עס האָבען קלאַנגען, פריי און סודות׳דיג, מיין קאָפּ געבויגען
צו דר׳ערד. — און ס׳איז דעם קינד פון שטאָדט געווען אַזוי,
ווי כ׳זאָל צום ערשטען מאָל דערזעהן גאָט׳ס וועלט.
און פאַלען — האָט׳ס געהייסען — מיט׳ן פנים אויפ׳ן גראָז
פון פעלד,
און בענשען דיך, דיך, פוילען, בענשען פאַר דער ווײַלע גליק,
וואָס איז מיר דאָ בעשערט — — —
איך ווייס נישט ווער
עס האָט די ברכה מיר פערהאַלטען, כ׳האָב צוריק
די פּיס געגלײַכט, דערוואָרגען פון בעגייסטערונג די טרעהר.
איך האָב דיך נישט געבענשט אין יענעם אָוונד-גאָלד,
און כ׳ווייס אַצינד — איך האָב דיך בענשען, פוילען, ניט געזאָלט.

צו טייער איז געווען דער פּרייז פאַר די מינוטען דופט
פון וואַלד און פעלד אין אייביג-שטיקענדיגער לופט
פון ענגער געטאָ-גאַס און טאָל — צו טייער:
נישט ברענען אין אַ מיטען גאַס אויף שייטערס פייער
נישט שליידערן בלוט-דורשטיג אינ׳ם הענקערס האַנד.

נישט פֿייניגען געשמידטע ביי אַ קעלער-וואַנד —
אָזאָ פֿרייז פֿאָדערן פֿערמאָגט האָבען בלויז ריטער,
מיט וואָלפֿען-צייהן און אויג דעם הימעל׳ס היטער —
דו, דאַמע עדלע, האָסט געלאָזט פֿערקויפֿען
כאָר בלויז אַ ביסעל ווילען זיך פֿון פֿעלד דעם ווינד:
פֿון פֿאַלאַץ-גאַניק צוקוקען, ווי אַנגערייצטע הינד
די ליטקעס רייסען פֿון צושראָקענע, וואָס לויפֿען
אַזוינע שרעקליך-לעכערליכע אינ׳ם פֿאָלעם-פּלאַטער:
בעזאָפֿען פֿון׳ם ווײַן און בלוט-פֿערדייהונג זאָטער
געצעהלט די שמיץ איבער אָן אויסגעדאַרטען רוקען,
און שמייכלענד פֿריציש-לייכט, זיך צוגעהערט, ווי טרוקען
און הייזעריג אונטער שמיץ פֿון לונגען איינגעשרומפֿען
עס רייסט זיך אויס דאָס קנעכטען-ליעד פֿערדומפֿען:
און ווען צום טאַנץ בעוועגט האָבען זיך שכור׳ליכע טריט —
אָ פֿאָטער און אָ זוהן, פֿון האַנדעל-וואַנדעל מיעד,
געשלעפּט פֿון הונגער-הויז מיט פֿידעל און טרומייט,
און ווען אין נאַכט-פֿלאַמען געבלאַנקט האָט זיידען-קלייד,
ווען ס׳האָט געשפּריצט פֿון טיש דער אַלטער קעלער-מעד,
ווען ס׳האָט שוין וואָרט און בליק אין זינען זיך פֿערדרעהט, —
דאַן האָבען זיי אַליין, אין ווינקעל איינגעשפּאַרט,
מיט דורשט און הונגער-אויג געטרימבעלט און געוואַרט,
ביז ס׳וועט דער טאַנץ און ווײַן פֿערשטרויכלען דיר די קניה,
זיי זאָלען ווייב און קינד נאָך זעהן ביז אין דער פֿריה,
געבויגען קאַרק און קניה, אין אויג אַ שמייכעל גרייט,
דער רוקען וואַרט אויף שמיץ, דאָס מויל צום קוש בעריייט —
אַזוי בעצאָהלט האָבען דיר דורות הונדערט
פֿאַר דעם, וואָס אין אַ אָוועגד-ווײַלע, איבערוואונדערט
פֿון פֿלאַמען-רוים, פֿון זאַנגפֿטען ווינד און זאַנגען-גאָלד
האָב איך, אַ גלות-יונגעל, בענשען דיך געוואָלט.

דאָס איז אַ קנעכטען-צינש געווען — פֿון שפּייזער.
אַוועק פֿון ווילען דיך צוריק אין הונגער-הייזער, —

דאַן זײנען זײ די גראַשען-זעק בײ דיר געװאָרען:
דאָס גרינס פון גאָרטען-בײם, פון פעלד דעם װײץ און קאָרן,
די פיש פון װאַסער-שטראָם, דאָס פלײש פון רינד און פיה,
די פעהל פון יאגד-געפאנג, דאָס מילכיגס פון די קיה —
צו פריציש-עדעל איז געװען דאָס צו בעריהרען
דאָס הענדטעל, װאָס געװאָהנט נאָר װײבער-לײב צו ציערען,
צו שװאך געװען דער װײבער-זין, װאָס נאָר בעפעהלען
אין חנ׳דלעך פלעגט — דעם ריוח פון דער ערד צו צעהלען —
דאָס האָסטו זײ דײן װאַסער, װאלד און פעלד פערטרױט,
געמײנט, אַ קנעכט װעט פאר זיך מעהר װי אָרים ברױט
פון פריצ׳ים גיטער אױסטײלען בײ זיך נישט פועל׳ן —
האָסטו זיך גענאַרט — זײ האָבען דיך בע׳גנב׳עט, פוילען!
צום ברױט — אַ פּאַדים פלײש בעהאַלטען פאר׳ן שבת-טיש,
צו חתונות — פון דײנע פעסער אָבגעשפּאָרט די פיש,
געטרונקען װײן — פון קדוש און הבדלה-בעכער,
געציערט זיך און געפוצט — אַ שײטעל אױפ׳ן קאָפּ דעם װײב,
פאר זיך און קינד אַ טלית-קטן אױפ׳ן לײב,
און אוצרות אָבגעשפארט פערבאָרגען אין די לעכער —
צעהן אײלען לײנװאנד זיך צו טהאָן דאָס לעצטע רעכט...
אַזױ צו גנב׳ענען געקאָנט האָבען נאָר קנעכט —
און דאך, װען ד׳האָסט דעם קלאנג פון גאָלד-שטיקער דערהערט
בײ עמיצען פון זײ — דאַן האָט דײן שטאָלצער בליק
אין זיסען חן-שמײכעל צו איהם זיך אָבגעקעהרט,
דו האָסט איהם אױפ׳ן האלז פערבונדען זײדען-שטריק
פון דײנע װײסע הענד, דו האָסט פערזונגען איהם
אין װײבליך-װײכער שפּראך מט זיסער װײבער-שטים, —
און דער, װאָס נעכטען ערשט האָט בלױזען רוקען גרײט
געהאַלטען פאר די שמיץ פון קוטשערם האַנד,
האָט הײנט, בעגליקט פון שמײכעל דײן, מיט דיר בײנאַנד
זײן טאָכטער און דײן זוהן צום כלה-בעט בעגלײט,
ס׳האָט אין אַ װינקעל זאַל פּעררוקט געטרימבעלט װידער
די נױט-קאַפּעליע — דײנע קנעכט און זײנע ברידער,

און אונטער זייער שפּיעל, אין זשיראַנדאָלען־גלאַנץ
האָט זיך אַ מחותן־פּאָר געדרעהט צום כלה־טאַנץ:
אַ קנעכט פאר פּריצים־קלייד זיין היים און זעעל פערקויפט,
און פּריצ׳טע זיך אַליין פאר גאָלד אַ קנעכט פערקויפט.

פערקויפט — נאָר נישט מיט איינמאָל אויסגעמישט האָט זיך
דאָס בלוט,
דער רוקען, וואָס געבויגען האָט זיך דורות פאר דער רוט,
געבליבען איז אַן איינגעהויקערטער אויך אָהן דער לאַסט.
דער בליק, וואָס האָט דורך דורות איהם געהאַסט
און בייזען שפּאָס פון איהם און זיין געביין געטריבען,
איז נאָך אויף ווייטער אָנגעזאָפּט מיט האָס געבליבען, —
נאָר דאָס פערקויפטע לייב און זעעל האָט שטיקען
געלערנט יעדען בליק און ריהר, ס׳האָט שטום געוואָרגען
דאָס אַלטע שפּאָטען־וואָרט, ס׳האָט לאַנגזאם בריקען
פון רענדלעך צווישען זעעלען אויסגעלעגט פערבאָרגען,
ס׳האָט האָס און חניפה איינס דאָס אַנדערע פערגעלטיגט, —
ביז אויפגעשטאַנען איז דער דור, וואָס איבער דיר געוועלטיגט,
וואָס האָט אויך מיך, דעם פרעמדען, דיך געלערנט קענען.

אין שנעלען לויף פון יוגענד־יאָהרען זענען
צוזאמען מיט׳ן טוי פון יונגעלשקייט, צורונען
די האָפנונגען און טרוימען, וואָס כ׳האָב דאָ געשפּונען.
ווילד־פרעמד אין דיינע גאַסען שפּרייז איך איצטער אום,
ס׳איז נישט די פרעמדקייט פון׳ם ערשטען טאָג, ווען שטום
און טויב צום קלאַנג פון דיינע רייד, האָב איך אין זיי
געוואָלט ענטדעקען דאָס, וואָס האָט בעהאַלטען,
אין מיר אַליין געלעבט — איצט הער איך און פערשטעה.
אָט שוועבען זיי אין טומעל פון דער גאַס — געשטאַלטען
מיט אַקסעל טרוקענע און שטייפע קעפּ אויף זיי,
געזיכטער אייזיגע און בליקען קאַלט, ווי שניי,
די ליפּען איינגעפּרעסט — און דאָך, ווי גרייט און מילד

אַ שמייכעל צביעות׳דיג אין יעדען ווינקעל שפּיעלט;
איך הער דיין ווייבער-שפּראך, ווי בויגזאם און געשיקט
זי וויקעלט זיי אָרום — פון חניפות אויסגעשטריקט,
מיט צביעות אויסגעהאַפטען און בעציערט מיט חן׳דלעך,
ווי אַן אַקטריסען-קלייד מיט פאלשע גלעזער-שטיינדלעך,
און ס׳דאכט מיר צייטענווייז — איך בין פערפלוכט
פאר צופיעל האַרציגקייט און גלויבען, וואָס געזוכט
האָב איך — צו וואָגלען אין אַ לאַנד, וואָס האָט פערלאָרען
אין צביעות אייביגער דאָס פאָדים צווישען האַרץ און וואָרט,
אַ לאַנד, וואָס איז בעהערשט פון בלויז אַקטיאָרען,
קאָמעדיען-שפּיעלערם נאָר צו יעדער צייט און אָרט.
עס שפּיעלט אַ ליעבע-פאַרם דעם דאָרף-פויער אַנטקעגען
דער פּריץ, ווען עס שווענקט זיין צייטיג פעלד אַ רעגען,
עס שפּיעלט דער פויער אָב צוריק אַ דאַנקבארקייטס-קאָמעדיע,
עס שפּיעלט אין טרעהרען-פלוס אַ לירישע טראַגעדיע
פון טרייהייט אייביגער דער זוהן פון דיינע קנעכטען,
וואָס האָט זיין היים פאר דיינס אַ בליק פערקויפט ערשט נעכטען,
און דו, הויך-פוילען, אַ געעלטערטע אַקטריסע,
וואָס האָט אויף קנייטשען שוין פערטושט די חן׳דלעך זיסע,
פערדעקסט דעם שטערען, אויסגעגראָבען, ווי אַ פעלד,
און שפּיעלסט די דראמע פון געפלאָגטע פאר דער וועלט.

אָט שטעהען דאָ די אַלטע קרעפטיגע געביידעם:
פּאַלאַצען פּרעכטיגע פאר צייט פון עלטער-זיידעס.
דער גלאַנץ פון דורות-לאַנג טהוט נאָך אַ שמייכעל ווען עס איז
פון אַ בעלויכטען ווינקעל, פון אַ שטראהל-בעפלאָסענעם קאַרניז,
און ווערט צורונען אין דער גראָהקייט פון די קאַלטע ווענד,
פון אַלטע ווענד, וואָס האָבען דאָן אין זייער צייט געבו׳ענט
מיט שכור-פלאמען פון דיין רוהם און גלאַנץ און פּראכט
און זענען איצט נאָר שטומע עדות פון דיין טויטער מאַכט.
איך זעה דיין גלות דאָ — עס שמערצט מיך נישט:

ווי יענע, וואָס דיין יאָך געשלעפּט האָבען אין לייד
האָסטו די חרפּה זיך פון פּנים אָבגעווישט,
פון גלות דיינעם דיר אַ טאָרבע אויפגענייהט
און בעטעלסט אין דער וועלט. נישט מיט געקרימטען רוקען,
נישט מיט קיין קניה פאַר יעדען גרייט זיך בוקען
און אייז-פערגליווערטען געדאַנק פון שטאָלצען וויסען;
נישט מיט קיין שרעקעדיגע הונגער-אויגען, אויפגעריסען
ווי אַ געשריי פון אייביג אָנרעכט געגען וועלט און גאָט,
נישט מיט אַ קאָפּ, געבויגען אונטער שפּאָס און שפּאָט
און טרוימען פון אַ וועלטס-ערלייזונג אין געהירן,
ווי ס׳בעטלען מיר מיט אונזער אַלטער טאָרבע, —
דו — דיינע האָסט געלאָזט בעציערען
מיט ריינעם זייד, נאָר וואו נישט וואו פערדארבען
פון וויין-פלעקען, און מיט גרוים-פריצישע מאַנירען
זוכסטו צו פאַנגען די לאַקייען ביי די טהירען
פון יענע מעכטיגע, וואָס האָבען ערשט מיט דיר בייגאַנד
די ליפּען אָבגעפּייפט ביים זעלבען בעכער-ראנד.
דו וואַרטסט ביים שוועל, און ווען ס׳ערשיינט דער הערר אַליין, —
דאַן בעטעלסטו אין זכות פון שוין פערבליהטען יוגענד-חן,
אַ פאַלשען צוזאָג מיט אַ שמייכעל צוגעוואונקען,
אויף דעם, וואָס דו האָסט ביי איין טיש מיט איהם פערטרונקען.

אַט זיינען דאָ די דענקמעלער פון דיינע הימעל-טרוימער —
אויף שטיינער-פּיעדעסטאַלען צווישען גרינס פון בוימער
און אין צוהיצטע קלאַנגען אויף אַקטיארען-ביהנען, —
די זעלבע דענקמעלער, וואָס כ׳האָב אַ מאָל געלאָזט בעשפּינען
מיט שטראַהלען פון אַ העלקייט, אַ בעצויבערטער אין ווייטער
אין פרעמדער הייליגקייט — אַליין אַ פרעמדער נאָך.
איצט זעה איך דיינע גייסט און פרייהייטס-שטרייטער
מיט קעפּ פעררויסענע און בליקען פון פעראַכטונג בייזער
אריבער יענע קארק און אַקסעל איינגעבויגען, וואָס דעם יאָך

פון צוויי מאָל גלות — אין ערוואַרטונג פון ערלייזער —
געשלעפּט האָבען געדולדיג איבער דורות פאַר אייך ביידען:
פאַר זיך אַליין און דיר. אַמאָל ווערט העלער אין פערצייהען
דער בייזער בליק — דאָס האָט ער אונטערשיידען
געלערענט, וויפיעל פון די קעפּ געבויגען אין די טויטע רייהען
אויף דיין מפלה-פעלד עס האָבען זייער רוה געפונען.
און ווען עס פאַלט אַ מאָל אַריין אַ בליק אין ענגער געטאָ-גאַס,
אין שווידער-טאָל פון טרייע דיענער — ווערט צורונגען
אין קוואַל פון ווייבערשען רחמנות דער געשטילטער האַס,
און ס'פּייַכטען נעביך-טרעהרען זייער בליק, דעם האַרטען.
אַזוי רחמנות האָט אַן אַלטע אויף אַ הונד אַן אויסגעדאַרטען,
וואָס האָט דורך יאָהרען לאַנגע איהר געלעקט די פינגער
און קנאַקט ערשט מיט די אַלטע צייהן, ווי זי, פאַר הונגער. -
אַזאַ רחמנות האָט דיין ווייבעס ווייבער-האַרץ געריהרט
און דיך דורך יאָהרען לאַנגע אין פערבלענדעניש געפיהרט.

ערשט איצט, ווען מיט דער עלטער גלייך, האָט אויך דער דלות
אַריינגעקוקט אין דיינע שוין פערגראָהטע שויבען,
ווען ס'איז, ווי פלעווע אויפ'ן ווינד, פערפלויגען אַלעס,
וואָס האָט אַמאָל דיין קאָפּ, און בליק און טריט געהויבען,
ווען ד'האָסט אַליין געמוזט אַ טאָרבע אין די אָרעמס נעהמען
און בעטלען געהן: ביי איינעם רעכט, ביי איינעם שוין —
ערשט איצט האָסטו געגומען נישטערן, ביי וועמען
עס זיינען נאָך פערבליבען רעשטלעך פון דיין אַלטען גוטס
און האָסט ענטדעקט: מען האָט בע'גנב'עט זיך דורך יאָהרען
אויף טלית-קטן'ס, שייטעלס און תכריכים-ליינען.
נאָר נישט ס'גע'גנב'עטע האָט אויסגעקרימט אין צאָרן
די בלייכע ליפּען און צוגליהט די אויגען דיינע —
דאָס האָט די גנבה דיך אין צאָרן-שוים ערשטוינט:
דו האָסט געגלויבט, אַז גאַנץ גענוג בעלויהנט
האָסטו די טרייע דיענער שוין מיט וועבערס-ריטער,

מיט שאַרפע צייהן פון הינד, און מיט'ן גליק
צו זיין פון דיינע שייערן די היטער, —
נאָר פלוצלונג הויבסטו אויף אַ בייזען בליק
און זעהסט: אַ שייטעל שיטערער און לעכערדיגער טלית-קטן
האָט פון דעם הארטען נאַקען נישט געלאָזט אויסראַטען
דעם שטיין, וואָס ד'האָסט געמיינט — ער איז שוין לאַנג
צומאַהלען,
און שרייסט: אַ גנבה! — און דו זוכסט זיי צו בעצאַהלען
פאַר יעדער נעביך-טרעהר מיט זיבען הויפען האָס.

די פינגער פריצישע שוין איינגעטונקט אין הערינג-פאַס,
דאָס זיידען-קלייד שוין איינגעריכט אין שענק ביים ביער,
די עדלע האַנד צוראצט ביים ערדענעם געשיר, —
און דאָך איז אַלץ געווענדעט נאָך דער בליק צום טהיר
אין שטומער האָפנונג — טאָמער וועט נאָך עמיצער פאַר דיר
בעווייזען זיך מיט תניפה-שמייכלען, אַ געבויגענער אין דרייען
דיר קושענדיג דיין שענקער-קלייד, דיך בעטען אום פערצייהען,
און מיט זיין אונטערטעניגקייט דיין אַלטען שטאָלץ אויפוועקען.
דו וועסט איהם גנעדיג זיין, אַ האַנד אויסשטרעקען,
און ס'וועט דיר הלומ'ען אויף איין מינוט, אַז אומגעקעהרט
האָט זיך צוריק דיין יוגענד, ווידער ביסטו אויפ'ן פערד
און יאָגסט גאַלאָפּ אריבער וואלד און פעלד און טייך,
וואָס דורך געטרייע דיענער מאַכען דיינע שפייכלערס רייך — —
נאָר ס'קומט נישט קיינער מיט קיין ודוי פאַר זיין שולד
און ס'פלאצט אין יעדער ווילע דאָס פערביסענע געדולד,
און נאָר די פויערן, פער'שכור'טע אָרום אויף האַרטע בענק,
זיי קענען נישט פערשטעהן, ווי קומט עס דאָ אין שענק
אַ פריצ'טע אַזוי בייז ביי'ם ביער-צאַפּען און הערינג-פאַס!...

פערצייה מיך, פוילען, ווייטעס צוקונפט-לאַנד!
אריבער דעם סמבטיון ברויזענדעם פון האַס

צו דיר, דער נאָך געטרוימטער, שטרעק איך אויס די האַנד,
עס גרייפט דיך אָן מיין בליק אין יענער ווייטקייט בלינדער,
ווען דו, געפּלאָגטע מאַמע פון פעריאָגטע קינדער,
האָסט געהען אויס אין בענקעניש נאָך זייער שטילער היים,
ווען אָנצינדען דעם פונק, וואָס לעבט אין דיר געהיים,
דיין גלויבען דורך יאָהרען-הונדערטער,
אין שטילען גאָט, וואָס איז געקומען ליעבע קינדיגען,
ווי דעמאָלט יענע מאַגדאַלענא זינדיגע
ווען דו, צוריק אין איהם בעהאָפטען, ליעבען קענען,
פערצייהונג זוכען און אַליין פערצייהען וועלען.
און איך, דאָס ציטערדיגע אינגעל, בלוט פון יענע,
וואָס האָבען איבער דורות שטיל ביי דיינע שוועלען
געצוואונגענע דעם רוקען איינגעבויגען, וועל אַליין
מיט אַ געגנויגטען קאָפּ פאר דיין פערצייהען שטעהן,
און ס'וועט דיין בליק פערגעסען מאַכען יענעם טאָג,
וואָס כ'האָב דאָ נישט דערזאָגט און וואָס איך זאָג.

ווארשא — תרע"ג.

ואגעל־וועג.

I

ס׳יאָגט די באַהן אין נאַכט געשווינד,
ס׳קלאפּט אין שויב און ברומט דער ווינד,
ווייט און נאָהנט אין ווירבעל-קייט
יאָגען זיך אין פינסטערקייט.
און דאָס הארץ, פערקלעמט פון שרעק,
רייסט די נאַכט מיט זיך אַוועק.
— הארץ דו, קום, אין ווירבעל-ווייט
אויף די ווינטען-פליגלען רייט!
ציטערט עס אין שרעקען אנגסט:
— זאָג מיר, נאַכט, וואָס דו פערלאנגסט —
צו מיין שטערען ברענגען מיך,
צי אין תהום פערפיהרען מיך?
קלאפּט די באַהן: ס׳איז נאָר איין שפּאַן...
טרא-טא-טי-טא קלאפּט די באַהן.

צינדט די נאַכט ווי רויטען מאַהן
ווייט אין תהום אַ פלעמיל אָן
כשופ׳ט זי מיט אויגען-וואונק:
זעהסט אין פינסטערניש דעם פונק?
ביסטו איינזאַם, איינזאָם ביסט
אויף די וואָגעל-שטעגען וויסט —
ווען איהר וואגלען זאַלבע-צוויים:
איינס דעם צווייטען פּאַראוים געהט,
איינס דעם צווייטען אין אַ טרייסט.
— ניין, דו נאַכט, מיין הארץ — עס ווייסט
ס׳בליהען בלומען פייער רויט
אין די טהאלען פון׳ם טויט!

קלאפּט די באַהן: ס'איז נור איין שפּאַן...
טראַ־טאַ־טי־טאַ קלאפּט די באַהן.

גליהט דאָס פייער, גליהט און ברענט.
— ניין, איך האָב נאָך שטאַרקע הענד,
כ'וועל נאָך ביישטעהען דעם פּרוב.
און אויב נישט — דאַן רוף איך, רוף
צו מיין אויסלייזער, וואָס הערט,
קומט ער און מיין בלוט בעשווערט:
פייער־ברודער, יוגענד־בלוט,
שטיק דיך אין דיין אייגען גלוט,
רוף ניט צו דער רויטער בלום,
וואָס אין פינסטער וואָגעלט אום.
יאָ, מיין היטער איז נאָך וואך,
שטאַרקט מיין האַנד, אויב זי איז שוואך.
קלאפּט די באַהן: נאָך קראַפּט פאַרהאַן....
טראַ־טאַ־טי־טאַ קלאפּט די באַהן.

שיקט די נאַכט אַ וואָלקען לייכט.
שלייכט ער זיך אין פינסטער, שלייכט,
זאָגט זי צו מיר: וואָלקען־שנעל
מיידסטו אוים דיין יוגענד־שוועל,
פאַלט אַראָב, ווי בליי, די האַנד,
קומסט אַלין איינס אין קאַלטען לאַנד
איינגעהויקערט, גרוי און שטום,
מיט דער בלום, צי אָהן דער בלום — —
טרייבט אַ ווינד דעם וואָלקען לייכט,
ערגעץ ווייט שוין גראָהקייט בלייכט:
— אויב אין קאַלטען לאַנד אַריין,
זאָל דער טאָג מיין פיהרער זיין.
קלאפּט די באַהן: אַ טאָג פאַרהאַן....
טראַ־טאַ־טי־טאַ קלאפּט די באַהן.

אויב אין קאַלטען לאַנד אַריין,
זאָל מיין פיהרער-היטער זיין,
יענע פייערדיגע רויז,
וואָס אין גראַהקייט׳ס קיהלער שויס
בליהט אַרויס פון מזרח-לאַנד
און בעגילדעט דעם וואָלקען-ראַנד,
און בעזוימט מיט גאָלדען ליכט
אין דער שויב מיין בלייך געזיכט,
יענע רויז, וואָס אויפגעבליהט
האָט מיין היטער — טריט ביי טריט
צו בעגלייטען מיך פון וועג
ביז׳ן לעבענ׳ס לעצטען שטיג.
קלאַפּט די באַהן: אַ טאָג פאַרהאַן...
טראַ-טאַ-טי-טאַ קלאַפּט די באַהן.

II.

פון ווייטע ווייסע בערג דער גאָלד-נעבעל פערשוואונדען,
די וואָכעדיגע גאָס דעם טומעל-טאָג בעגלייט,
ס׳איז ערגעץ דאָ אַ לאַנד, וואו ס׳ווערט ערשט ליכט געצונדען,
און שבת קומט אַריין אין העלער זיידנער קלייד.

ס׳איז ערגעץ דאָ אַ הויז, וואו ס׳שטעהט מיין אַלטע מאַמע
מיט ציטערדיגע פינגער איבער וואקסען-ליכט,
די טרעהרען פערלען זיך אין צאַפּעלדיגע פלאַמען
און לעשען זיך אין טיעפע קנייטשען פון געזיכט.

אָ, טרעהרען, צאַנקעדיגע מאַמע-טרעהרען!
זאָל אייער פערעלדיגקייט כאַטש דערזעהען ווערען
דאָרט, וואו עס קען מיין שטומער צער שוין נישט דערגרייכען!

עס לעשען זיך די לעצטע אָווענד-שטראַהלען.
די נאַכט פאַלט צו — און שווערע שאָטענס פאַלען
אויף מיר — אויף די ווייטע נעבעלדיגע הויכען.

ס׳האָט זיך פון ווייט ערגעץ אַ קירכען-גלאָק צוקלונגען,
און קלאַנגען זינקען לאַנגזאם, ווי אין תהום.
צי איז די טונקעלקייט נישט דורכגעדרונגען
מיט שטילען פליסטער: גאָט פון אברהם? — — —

עס געהט אַ שטערען אויף. אַלץ הילכעדיגער יאָגען
די גלאָקען זייער רוף אין ווייט אַריין.
כ׳צינד פייער אָן. זאָל איך „המבדיל“ זאָגען
און טרעהרען טרינקען שטאָט הבדלה-וויין?

עס קלינגט דער קירכען-גלאָק פאַר די, וואָס גלויבען.
פאַר זיי האָט זיך ערשט יום-טוב אָנגעהויבען,
און ערגעץ ווייט פאַר נאָהענטע האָט זיך די וואָך פערנומען.

ווער זאָל מיין צייט מיט יום-טוב-בלומען פלעכטען?
ס׳איז גראָע וואָך פאַר מיר געוועזען נעכטען,
און גראָע וואָך איז היינט, און וואָך ועט מאָרגען קומען.

ס׳איז זונטאָג דאָ. עס איז נאָר וואָס פערגאַנגען
דער לעצטער אָרגעל-קלאַנג אין קירכען-רוים,
און יום-טוב׳דיג צופריעדען איז מען זיך צוגאַנגען;
אַ תפלה-אָפּקלאַנג צו געדענקען קוים.

שוין פינקעלט לוסט פון יוגענד אונטער ברעמען,
שוין הערט זיך וואו פון געסלעך אַ געזאַנג,

נאָר מיינע אויערן אַליין נאָך אַלץ פערנעהמען
פון „אווע מאריא״ דעם וועהטאָגליכען קלאַנג.

אָ, שוועסטער מיין! ווי וייט פון דיינע ליידען
עס זיינגען די, וואָס האָבען אין גן-עדן
אַלס קעניגין דערהויבען דיך צום הימעל׳ס רודער.

ווי אייביג גאָהענט איז דיין מאַמע-טרויער;
ווי אייביג קלינגט דיין וואָגעל-וועה אין אויער
פון ברודער דיין, פון היימלאָז-צאנקענדיגען ברודער!

III

פאר וועמען פון אייך זאָל איך בעטען צוערשט?

עס האָט מיך דער איינזאמקייטס-טרויער בעהערשט,
וואָס ציהט זיך אַוועק אין דער וייט, ווי די שטראהלען
פון אונטערגאַנג בלייכען אין וייט אַריין פאַלען.
ער האָט מיר דערטראָגען אין וועהטאָג, אין שטומען
דאָס רופען פון יענע, וואָס קענען נישט קומען, —
און ס׳בויגען זיך אַקסעל, פון אומעט בעלאַדען,
עס ציהען זיך קניהען צעוויעגטע צום באָדען,
פון דאַנען, פון פרעמדקייט אַ תפלה צו בעטען
פאר די, וואָס איך קען זייער שוועל נישט בעטרעטען, —
פאר וועמען פון זיי, זאָל איך בעטען צוערשט?...

צי בעטען פאר דער, וואָס אין שווייגען פערשלייערט
זיצט ערגעץ ביים אָפענעם פענסטער און טרויערט?
עס קוקען פערוואָגעלטע שעה׳ן און טעג
אַנטקעגען אַרויס פון איהר איינזאַמען וועג,

און ס'בלייבען די ליפען אין שטיקענדען וועה טהאָן —
צי זאָל איך פאר זיי, פאר די אויגען ערשט בעטען?
איהר, כשר'ע אויגען! דארף איך זיך ערלויבען
צו בעטען פאר אייך, ווען איך האָב אייער גלויבען
אליין אין מיין אייגענעם פייער פערברענט?
צי קען איך עס, איך — נישט געוואשען די הענט...

צי בעטען פאר די, וואָס דער דאָס הערבסטיגע לעבען
האָט זיי איינגעבראָכענע אַלטע, געגעבען
נאָר זיפצען פערשטיקטע צו יעדען פריהמאָרגען
אויף איינזאַמקייט קאַלטער און גראָהליכע זאָרגען, —
צי זאָל איך פאר זיי איצט מיין תפלה דערהויבען?
נאָר ווייט איז מיר, טאַטע, דיין הארציגער גלויבען,
און כ'ווייס, אַז אין לעבען געפּלאָגטען כאָטש זעלטען
פּלעגסט הימעל מיט הילף דיינע תפלות פערגעלטען.
דאָך פרום איז דיין ווארטען, און גיכער דערגרייכען
וועסט דו מיט אַ בליק יענע הימלישע הייכען,
וואוהין ס'וועט זיך אפשר אַ פיינליכע, שטילע
קיינמאָל נישט דערשלאָגען מיין זינדיגע תפלה.

צי בעטען פאר יענע פערוואָגעלטע גליעדער
פון פאָטערשען בוים-שטאָם, פאר נאָהנטע און ברידער,
וואָס זיינען געבליבען ביים היימישען גראָז
און אייגענע שוועלען — און ווייסען נישט, וואָס
עס האָט זיי די שיין פון פריהמאָרגען געבראַכט,
וואוהין וועט זיי פיהרען דער שאטען פון נאַכט,
און אָנזאָגען וואָס וועט דער קומענדער טאָג —
אַ שיין אויף אַ ווייל, אָדער אייביגע פּלאָג?
נאָר ווער בין איך, ווער, וואָס איך זאָל מיך דערוועגען
זיך שטעלען אין מיטען פון זייערע שטעגען,
די שטעגען, דורך וועלכע די אָפענע טיהרען
פון בתי-מדרשים און שוהלען זיי פיהרען

אהין, וואו זיי קענען זיך מיהען פאר זיך —
און וועמען האָב איך דען? און וואָס דען האָב איך?

נאָך איינער צו בעטען פאר איהם איז פערבליבען:
דער זוהן, וועלכער האָט פון זיין היים זיך פערטריבען
אליין — און צוגעהט דאָ אין וועהטאָג אצינד.
נאָר ניין — כ׳וויל די ערגסטע, די פיינליכסטע זינד
נישט נעהמען אויף זיך, אז נאָך יאָהרען פערשוואומען
אהן בעטען און גלויבען, ווען ס׳איז נישט געקומען
מיין פוס אויפ׳ן שוועל פון גאָט׳ס הארציגען ארוים,
זאָל איך אצינד, אלין נאָך פון צווייפעל ארוים
פאר זיך ביי איהם בעטען. איך וויל נישט דערמיט
מיין תפלה פערשוועכען, אז דאָרט אין דער מיט
פון יענע, פאר וועמען עס בעט מיין געוויין,
זאָל אויך זיך מיין אייגענער פנים דערזעהן!
ניין, טאַטע, פאר זיך וועל איך גאָרנישט פערלאַנגען!
און אויב ס׳איז צו דיר כאָטש אן אבקלאנג דערגאַנגען
פון וועהטאָג, פון מיינעם — נישט מיך מיינט דער וועה,
נישט מיר בעט איך העלפען, נאָר זיי דאָרטען, זיי,
וואָס כ׳וויים נישט אין וועהטאָג, וואָס האָט מיך בעהערשט,
פאר וועמען פון זיי זאָל איך בעטען צוערשט?...

IV

כ׳זאָל דאָס רעכט פון מתים האָבען —
קענען אנזאָגען מיין ווילען
דורכ׳ן חלום,
וואָלט איך צו דעם טאַטען קומען
איהם אזוי צו זאָגען:
טאַטע מיינער!
געה אוועק אין יענעם שטעדטעל,

וואו דו האָסט דיין שטילע יוגענד
אָבגעוואָגעלט,
טאָג אויף טאָג ביים הארטען שטענדער,
און די נעכט אויף בענקלעך הארטע,
געה אין קלויז אריין,
וואו די ווענד, געקרימט פון עלטער
וועלען נאָך דיין קול דערקענען,
און זאָלסט בעטען:
ס׳האָט מיין זוהן א ווירבעל-שטורם
פון זיין היים אין וויטער פרעמדקייט אָבגעריסען,
פרעמדע לענדער, פרעמדע פעלקער
קענען נאָר דעם קאָפּ, דעם מיעדען
אָברוה געבען.
אָבער ס׳איז נישטאָ קיין ווינקעל
אין דער פרעמד פאר א נשמה,
א פערבענקטער
נאָכ׳ן קוואַל פון איהר חיונה,
כאָטש איהר האָט זיין שטימע קיינמאל
נישט פערנומען,
דאָך פון וויטענישען אייביג
האָט צו אייך מיין זוהן גערופען,
ווענד, איהר אַלטע,
וואָס איהר האָט אזוי פיעל דורות
שטילע ציטריגע נשמות
שוין בעשירעמט, —
נעהמט אריין אויך די נשמה
פון מיין זוהן, אין פרעמד פערוואָגעלט,
און בעשיצט זי...
זאָלסט אזוי זיי, טאַטע, בעטען,
און אין ווינקעל, וואו דיין יוגענד
איז פערגאַנגען
אין א פרומען אומעט-נגון,

זאָלסטו אָנצינדען אַ ליכטעל,
אַ נר-תמיד
פאַר מיין היימלאָזער נשמה —
זאָל חאָטש דאָרט אַ פלעמיל צאַנקען
פאַר מיין לעבען
אין׳ם אומעטיגען ווינקעל,
װאָס וועט שוין מיין שטימע קיינמאָל
גישט דערהערען

V

עס וועט דאָך אויסשלאָגען די שעה פון נייעם וואונדער

פון דאָרף אַרום און געגענד, איבער זומערדיגע וועגען
וועט מען זיך ציהען מחנות׳ווייז דער זון אנטקעגען
אין שטאָדט אַריין. ס׳וועט יעדערער בעזונדער
אין זיינע טראנטעס פּיערשע, אויף זיין פערשוואַרצטען פּנים
מיט לויכטענדיגע אויגען טראָגען די סמנים
פון זיינע הונגעריגע טעג און אומעטיגען הויז
אַנטקעגען צו דער פרייער וועלט ארויס.
עס וועלען פלאַטערן אין ווינד די פּאָלעס פון קאַפּאָטעס
ביי אַלטע אידען און די רויטע קעסטעלדיגע טיכער
אויף אידענעס. עס וועלען יונגלעך, שפּרינגענדיג נאָך גיכער
פון ווינד, דעם וועג פערלויפען, פרעגענדיג: ווער האָט עס
אַזוי פיעל בלומען, מאַמע, אויפ׳ן פעלד פערזייהט?
און ס׳וועט אַ מאַמע ליכטיג ענטפערן: ס׳איז אַלץ, מיין קינד,
פון גאָט, וואָס האָט אויף אונז דערבאַרימט זיך אַצינד
און לייזט אונז אויס צו נחת און צו פרייד!

ביים שטאָדט-טויער, ביי אַ פערגראָהטער וואנד
פערזאַמלען וועלען זיך די האַרען פון׳ם לאַנד
און אויסקוקען אין פעלד. און וועט נאָר איינער
אַ שטויב דערזעהן פון וויטען צווישען שטיינער, —
וועט זיך די לופט צוטרייסלען אין אַ הילכיג ברומען
פון פויקען, טאַצען און טרומייט: זיי קומען!
און פיהרען וועט מען זיי אין שאַלען צו די אַלטע טויערן,
און פיהרען זיי דורך גאַסען, הייזער, מויערן
און אויסרופען: עס קומט דאָס פאָלק פון פעלד
זיין אויסלייזונג בעגריסען פאר דער וועלט

אין שווערע טעפּיכער, אין פלאַטערדיגע פאַהנען,
אין בלומען פאַרביגע אויף טהירען און באַלקאָנען
וועט זיי די שטאָדט בעגעגענען. אַ יונגע טאָכטער
אין ווייסער זיידען-קלייד, אַ ווייכער, אַ צופאָכטער —
אין הענד צופלאָכטענע די גאָלדענע קאָרן-קראַנצען,
וועט זיי מיט לייכטע טריט אַנטקעגען טאַנצען.
און פון איהר בליק דערהיצט, בעוועגט פון טאַנצען איהרען,
דאַן וועלען זיך די הענד און פיס צופיהרען
ביים גראָען פריץ, ביי דער פריידיג-וויינענדיגער מאַמען,
ביים אַלטען איד, ביים לערן-יונגעל — און צוזאַמען,
געפלאָכטען האַנד אין האַנד, אַלץ ווייטער, ווייטער
וועט מען זיך לאָזען טאַנצען אין דער לוסט פערשייטער.
ביז פלוצלינג וועט זיך עמיצער אַ וואָרף טהאָן צו די פיס
פון די, וואָס געהען — וועט מען איהם אויפכאַפּען געשווינד
און אויף די הענד איהם טראָגען, טראָגען ווי אַ קינד —
און קיינער וועט נישט וויסען, ווער און וואָס ער איז.
און נאָך איינער וועט צו דער אַלטער שוהל אַוועק,
וועט פון דעם שולחן אויפרייסען די שווערע דעק,
אַרויסנעהמען דעם גרויסען, ימים-נוראים׳דיגען שופר,
און שטאָלץ און רוהיג, ווי אַ קעניגליכער לויפער,

ווען ער זיך פאר דער ברומענדיגער מחנה לאָזען,
אַ שטאַרקע תקיעה גדולה אויסצובלאָזען.
און טויזענדער העלזער וועלען איהם בעגלייטען מיט אַ שאַלען;
— עס ציטערן יריחו׳ס אַלטע ווענד און פאַלען!

און ווען עס וועט די בשורה פון דעם טאָג דערגרייכען
אין ווייטען לאַנד, צו איינעם אַ פערוואַגעלטען און בלייכען,
וועט ער דערמאַהנען זיך: אַ פלאַץ אין טויזענד ליכטער,
אין קולות שאַלענדע און שטראַהלענדע געזיכטער.
און פלוצלינג הילכט פון ווייטען אַב די ערד
פון שווערע פערדען-טריט, עס בלאַנקט אַ שווערד
און פאַלט אַראָב און הויבט זיך, רויט אויף בלאַנק...
און קולות שטיקענדע, און שטיקענדער געדראַנג...
און פינסטער אויפ׳ן פלאַץ, נאָר וואו נית וואו אַ פלעק,
און שרעק פערגליווערטע אַרום, אַ טויטע שרעק...

און ווען עס וועט אין יענעם טאָג, אין רויטען פייער
פערגעהן די זון מיט פורפור-פלאַקערדיגע פאַסען
אַריבער יום-טוב׳דיג צוהילכטע איבערגעבויזטע גאַסען,
און צווישען טויזענד פאַקלען וועט ברויזענדער און פרייער
צושפילען זיך פון איבערלייזונג די שטורעמדיגע פרייד, —
וועט איינער אין דער פרעמד דאָן בעטען שטילערהייד:
— אויב ס׳איז מיר נישט בעשעהרט דעם טאָג צו זיין מיט זיי,
זאָל אויך די נאַכט נישט זיין, ווי יענע, וואָס איך זעה!
זאָל נאָך דעם טאָג נישט קומען יענע נאַכט,
זאָל נאָך דעם טאָג נישט קומען יענע נאַכט! — — —

תרע״ד — תרע״ה.

פון מיין וואָגלעניש דורך מיעדע טעג אין פרעמדקייט
לאָז אַוועקגעהן, לאָז מיך אָברוהען אַ וויילע.
לאָז מיר דאַכטען — כ׳בין צוריק ביי יענע וועגען,
איבער ים און איבער לאַנד פאר טויזענד מייל,
וואו נישט יאָהרען — דורות לאַנגע האָבען שפּורען,
וואנדער-שפּורען איינגעפלאנצט אין רויהער ערד.
לאָז מיר דאַכטען — כ׳בין צוריק אין שטעדט און גאַסען,
וואו געבויגענע, פון ווינד און זון צושטערט,
קניהען הייזער, פרומע הייזער, וואָס דערצעהלען,
אַז מיר האָבען דאָך אַן אָנהאַלט ווען געהאַט,
אַז מיר זענען ניט פון וויסטעניש געטריבען,
און אַז ערגעץ ווארט אַ בוך מיט נאָך אַ בלאַט,
נאָך אַ בלאַט, וואָס אונזער האַנד זאָל זי פערפילען.
לאָז מיר גלויבען, אַז אין רויהען צייט-געוועב
ווערען איינגעשפּינט נאָך צייכענס, עדות-צייכענס,
אַז נאָך ווארט מען אויף מיין קומען — און איך לעב.

שמאָלע געסלעך, אַלטע הייזער, און די שוועלען
האָט מיט טרעפּ אראָב פערזארגט די גראָהע צייט.
שווערע שינדעל-דעכער גרין מיט מאָך בעוואקסען,
פריזבעס קרומע און אויף פריזבעס — אַלטע לייט.
גרינע פענסטער-שויבען, טהירלעך אויסגעבויגען:
ווילסט אין שטוב אריין — זיי מוחל, בויג דעם קאָפּ!
מיט די ברוקען פון די רעדער לאַנג צוגראבען,
לויפען געסלעך שמאָלע, לויפען בארג אראָב,
און אין טהאָל דאָרט, וואו זיי קומען זיך צוזאמען
צווישען שאָטענס פון די ווענד און געלבען גראז

שטעהט אַ הויז געבויט פון שווערע קיזעלשטיינער,
שווער און טונקעל, ווי אַן אָרמען ריטער׳ס שלאָס.
בלייבט אַ וואגלער שטעהן אין פרעגט זיך: וואָס בעדייט עס?
נעהמט איהם עמיצער און פיהרט איהם ביי דער האַנד,
עפענט אויף די שווערע טהירען און בעווייזט איהם:
— זעהסט די ספרים אין די שראַנקען ביי דער וואנד?
זעהסט די זקנים, איינגעבויגענע אין מורמלען?
אונזער שוהל איז עס, די אַלטע געטאָ-שול.
בלייבט דער וואגלער אַלין פערוואונדערט און פרעגט זיך:
— אַלטע צייטען, קליינע הייזלעך, געסלעך שמאָל,
ווענד, וואָס קניהען, דעכער בויגען זיך צו שוועלען —
און ווי קומט אַ שוהל — אַ קיזעל-שטיינער הויז?
נעהמט מען אַן ביים האַנד דעם וואָגלער און מען פיהרט איהם
ביז דער בימה: — אַלטע מעשים. הער עס אויס!

זעהסט אין מזרח דעם פעררויכערטען פרוכת?
ס׳האָט דער רעגען שוין פון לאַנג אויף זאַמד צושווענקט
די מצבות אויף די קברים פון די זקנים,
וועלכע ער האָט נאָך ביים אלף-בית געדענקט.
אָבער נישט די גראָהע ווענד פון קיזעלשטיינער
און די שווערע טהיר פון אייזען נישט געקענט.
ווי די קלאָגעדיגע הייזער פון דער געטאָ,
האָט די שוהל צו דר׳ערד געבויגען איהרע ווענד
און נאָך נידעריגער, טיעפער זיי געבויגען,
מיט דער הייליגקייט פון דורות לאַנג בעשווערט.
יעדער קלאָץ האָט דאָך געדענקט אזוי פיעל קדושים,
וואָס זיי האָבען זייער בליק צונ׳ איהם געקעהרט,

און אַזוי פיעל שטילע זיפצען איינגעזויגען,
און אַזוי פיעל נאַכט-משמרים אָבגעוואַכט —
ווער וועט וואַגען אויף דער וואַנד אַ האַנד צו הויבען?
ווערען לעבעדיגע גאַסען איינגעשרומפּען,
נאָר ס׳בית-עלמין וואַקסט און ברייטערט זיך אין פעלד.
ווערט עס יאָהר אויף יאָהר אַלץ העפטיגער בעפעלקערט,
און די מתים — מתים לעבען זייער וועלט,
מתים וואַכען זייער צייט צום פרומען דאַווענען
און זיי זוכען זייער ווינקעל צום געבעט.
און אַז ס׳קומט די נאַכט, און ס׳בלייבען פּרושים זיצען
ביי אַ משמר איבער געלבע ספרים שפּעט —
ווערט זיי ענג דאָס פרייע אָרט ביים פרייען שטענדער,
ווערט דער אָטעם ביי די וואַקסען-ליכטלעך שווער:
ס׳האָבען מתים דאָ אַ לעבען אָבגעדאַווענט
און פון קברים ברענגט עס ווידער זיי אַהער.
אַלץ איז זייערס דאָ — פון שוועל און ביז׳ן באַלקען.
יעדער איינער האָט אין מזרח נאָך זיין שטאָדט,
וואו ס׳איז ער, זיין זוהן און איניקעל געשטאַנען —
אַלע מתים שוין. ס׳ווייסט יעדערער, ווער ס׳האָט
דעם פּרכת אויסגענייהט צום ארון-קודש,
ווער צום עמוד האָט געקויפט דעם קופּער-בלעך,
וועמעס מאַמע ס׳האָט געטאַנצט מיט יעדען ספר,
וועמעס ווייב האָט מעהר אין פאַרמעט נאָדעל-שטעך.
און אַז ס׳שאָקעלט זיך אַ פּרוש ביי אַ ספר —
קוקט אַ מת אַריין — פאַר דעם האָט ער איהם געצאָהלט.
און אַז ס׳בלאַנקען די מנורות — צעהלען מתים,
וויפיעל אָבגעקאָסט עס האָט זיי רענדלעך גאָלד.

אַלץ איז זייערס דאָ — און זיי זיינען דער עולם,
יאָהר אויף יאָהר — ווערט יעדער ווינקעל מיט זיי פול.
יאָהר אויף יאָהר — און ס׳ווערט אַלץ ברייטער דער בית-עלמין,
און אַלץ גרעסער ווערט דער עולם אין דער שוהל.

יאָהר אויף יאָהר — און געסלעך טונקען זיך אין שאָטענס,
ס׳ווערט פאר עלטער-טיעף געצאָהלט מיט שאטען-פרייז.
אָבער קלאפּט דער יום-הדין — און פון׳ם טונקעל
ציערט זיך אויס די גראָהע גאס אין העלען ווייס.
ווייסע פנימ׳ער און ווייס-געפאַלבטע קיטלען,
ווייסע זאָקען איבער לייכטע שווארצע שיך,
ווייסע טיכלעך איבער אויסגעוויינטע אויגען,
ווייסע קליידער — און אַ שרעק פערשטיקט אין זיך.
געלע וואקס-ליכט, געלבע פאלדען פון טליתים,
געלבע פלעמעלעך שפּיגעלט אָב די בלייכע הויט,
געל און ווייס, ווי ס׳זאָל אַ גרויסען יום-טוב האָבען
און זיך אָנצינדען אין וואקס דער ווייסער טויט.
און עס ציטערן די פלעמלעך פון די אטעמס,
און עס שאָקלען זיך די אַקסעל, ווי צוברומט —
נאָר די אויגען פון׳ם דאַוונער אינ׳ם מחזור
און ער פיהלט נישט, ווי דער שכן זיינער קומט.
שכנים קומען און זיי שטופּען זיך צוזאַמען —
ווערט נאָך ענגער ס׳לייב אין קיטעל איינגעדריקט.
אָבער ס׳צעהלט נאָך גרויסע זינד די תפילה זכה,
און מען פיהלט נישט, ווי דער אָטעם ווערט פערשטיקט.
ס׳ווערט שוין איינגעשטילט דאָס ברומען פון די ליפּען,
און ס׳פערגעהט שוין אין געמורמעל דער געוויין, —

נאָר דער עולם הערט נאָך אַלץ נישט אויף צו גיין.
ווער און וואָס? עס איז שוין פול די שוהל און פּאָליש.
ס׳שטיקט דער אָטעם, ס׳בלייבן קלאַנגען אין דער קעהל.
און די פּנים׳ער פון געלען וואַקס בעלויכטען,
ווערען בלייכער נאָך, נאָך ציטריגער און געל.
הויבט דער רב אין מזרח אויף זיין קאָפּ צום עולם,
ווערט דאָס פּנים בלייכער, קוקט ער בלייך אַרום,
און דער בליק אין אויג פערשטאַרט פון שטומען שוידער.
נאָר צום שמש אויף דער בימה ווינקט ער שטום.
קלאַפּט אין טיש אַריין, קלאַפּט הויך דער ווייסער שמש,
און די אויגען קוקען ציטריג צו דער טהיר:
ס׳האָט דער עולם אַלץ נישט אויפגעהערט צו קומען
און אַלץ נייע דאַוונער שטיקען זיך אין איהר.
קוים עס שפּאַרט זיך דורך דער חזן צונ׳ם עמוד,
עמיץ וויל צום ארון-קודש גיין אַרויף,
נאָר נאָך איידער ער בעשטייגט דאָס ערשטע טרעפּעל,
האַלט שוין עמיצער די טהירלעך אָפען אויף.
וואַרפט אַ בליק דער ווייסער דאַוונער — שווער-פערדומפּען,
רייסט זיך אויס פון ענגען גאָרגעל אַ געשריי.
נאָר אַ פרעמדער האָט די טהירלעך שוין געעפענט
און אַ וואַרטענדיגער שטעהט ער נעבען זיי.
לויפט מען צו, מען כאַפּט דעם דאַוונער און מען טראָגט איהם,
און דער רב אַ בלייכער, בלייך צום חזן ווינקט.
מורמעלט שוידער איין׳ם עולם, שוידער גליווערט
אין די אָדערן פון חזן, נאָר ער זינגט.
זינגט פערדומפּען, קוים ס׳בעוועגען זיך די ליפּען,
און אין שטיקעניש פערשלונגען ווערט דער קלאַנג.

אָבער פּלוצלונג נעהמען ציטערען די פלעמלעך,
און די שול ווערט פול מיט הילכיגען געזאַנג,
קאַלט און גרילצענד יאָגט זיך דורך אַ פרעמדע כוואַליע,
פלעמלעך טוקען זיך און קאַרטשען, ווי פון ווינד,
עמיץ פאַלט, אַ דומפּער קלאַפּ און גרויל פון שרייען:
ערגעץ וויקעלט זיך אַ יאָמער פון אַ קינד,
ס׳לעשט אַ ליכט אויס, זיי לעשען זיך און פאַלען,
און פון אויבען, און פון אונטען ברעכט זיך איין,
פלעכט זיך איין אין גרילצער-זינגען, קינדער-יאָמער,
טויט-געשריען און פערגליווערטער געוויין,
און אַריבער קעפּ, וואָס פאַלען, איבער וועהען
שטעהט דער רב און גישט מיט זיין קול שרייט ער, שרייט:
— ווער ס׳איז לעבעדיג — אַ ליכט אין האַנד זאָל נעהמען!
— האַלט די פלאַמען, ווען איהר לעבעדיגע זייט!
און דער חזן איז שוין טויט אויף דר׳ערד געפאַלען,
און פערשטומט איז שוין דער גרילצענדער געזאַנג —
און פון אויבען, און פון אונטען, און פון ווינקלען —
עמיץ שטופּט זיך צונ׳ם פאָליש אין געדראַנג,
שטופּט זיך, שטיקט זיך, פאַלט און הויבט זיך, שטיקט זיך ווידער,
קרעכצט און וועהט און שטרעקט אונמעכטיג אויס די הענד -
פאַלען שטענדערס, פאַלען טישען, פלאַמען פאַלען,
פלאַמען צינדען און די שול, די אַלטע, ברענט — — —

זעהסט אין מזרח דעם פערריכערטען פּרוכת
און די ווענד, געבויט פון שווערען קיזעלשטיין?
ס׳איז אַמאָל אַ נייע שוהל געבויט געוואָרען
אויפ׳ן אָרט, וואו ס׳איז די אַלטע שוהל געוועזן.

מ׳האָט אויף מאָרגען נאָכגעצעהלט, וויפיעל מנינים
ווייסע דאַוונער האָבען מתים יענע נאַכט
מיטגענומען אין די אָרעמס, און אין ברייטקייט
צו די קברים פון׳ם פרייען פעלד געבראַכט.
מ׳האָט אין רויכערדיגע גלאָווניעס דעם פּרוכת,
שטיקלעך פאָרמעט און מנורות נאָך דערקענט,
און פאַר זיי — שוין נישט פון אַלט־צוקרימטע קלעצער,
נאָר פון קיזעלשטיינער אויסגעברייטערט ווענד.
וואָס געמיינט האָט עס? די נייע שוועל און טהירען
זאָלען, פרעמד, די מתים, זיין פאַר זיי אַ צוים?
אָדער נייע וועגד און טהירען זאָלען האָבען
פאַר די מתים אויך געגנוג דעם פלאַץ געררוים?
און אַז ס׳קומט די נאַכט און ס׳בלייבען פרושים זיצען
איבער ספרים ביי דעם געלבען ליכטעל־שיין,
בויגען ווידער זיך די מתים איבער אַקסעל,
און זיי קוקען אינ׳ם געלבען בלאַט אַריין.

הערט דער וואָגלער אוים די מעשה און פערוואָגעלט
פון די הייזלעך און־דער קיזעלשטיינער־וואַנד.
נאָר אַמאָל, ווען מיעד פון וואָגלען, זוכט ער אַברוה,
בעט ער ווידער: לאָז צוריק צו יענעם לאַנד!
לאָז מיר געהן צוריק אַהין, וואו צייט און עלטער
גראָהע וואונדער, אייביג וואונדער פאַר אונז וועבט;
וואו ס׳דערצעהלען יעדער שטיין און יעדער שאָטען,
אַז עס האָט זיך אויך אין טויט אַמאָל געלעבט.

תרע״ה.



אין מיטען וואכעדיגען טאג, אין טומעל, הילך און ווידערקלאנג
פון רעדער צווישען מויערן, פון לויפען, יאגען און געדראנג,
אין העלען טאג, אין מיטען שטאדט האט זיך דערהערט א שופר בלאז.
אין מיטען מיטוואך שופר בלאזט — פון וואנען, ווער און וואס איז דאס?
פערגעסען קינדער שפיעל און שפאס און לאזען זיך צו יענער גאס,
קוקט פון א פענסטער־שויב ארויס א פנים, שרעקעדיג און בלאס,
פערלאזט דער הענדלער אויפ'ן גאס דעם סחורה־וואגען און פערקויף,
ווערט אונרוהיג אויף יעדען הויף, און אין פערסאפעטען געלויף
שוין לאזט זיך עלטער, קינד און קייט אהין, פון וואנען עס דערגעהט
דער שופר ־ קול. ס'פערפלייצט די גאס, און שטוינענדיגער עולם זעהט:
אין מיטען ברוק — א שווארצער איד מיט פאלעס און א בארד צולאזט
שפאנט ברייט מיט אונרוהיגע טריט, האלט הויך א שופר און ער בלאזט.
נאך איהם א הויכער אלטער געהט. אין ארעמס, ציטערדיג־צושפרייט,
א פארמעט־שטיק צופלאטערט זיך מיט שטיקער פאסמעס. איהם בעגלייט
א מנין אידען, איינגעדרעהט אין טראנטעס אויפ'ן בלויזען לייב
און איינגעבויגען אונטער פעק. ס'פיהרט יעדערער ביים זייט זיין ווייב,
און קינדער קליינע, נאקעט־הויל, מיט פנימ'לעך פערברענט ווי קויהל
ביי קליידער, פאלעס האלטען זיך, און יעדער מאן איז ווי אין קנויל
פון טראנטעס, לייב און קינדער־פיס, וואס קלאמערט זיך צו זיינע טריט.
א שפרייז אוועק — און נאך זיי שטיל, מיט שפרייזען, וואקעלדיג און מיעד,
צעהן טעכטער געהען. ביין און הויט — און נאר די היפטען זענען ברייט
און ביז די קנעבעל קוים דערגעהט א מיידעלש־אויפגענעהטע קלייד.
די קעפ געבוינען, און דער בליק זוכט א בעהעלטעניש אין שטויב

פון שטיינער־ברוק. און אלע זיי מיט אונטערטעניגקייט פון רויב,
וואס ווערט געפיהרט צו שמאך און פיין, די בלייכע ליפען בייסען איין
און זענען שטום. און הינטער זיי אין ברומען און געהילך אריין
א קלינגעל־קלינגען קויקעלט זיך, א קלונג פון קופער צווישען בלעך.
דאס געהען יונגען צוילענווייז, די אויגען שווארץ, ווי שווארצע פעך,
די ליפען בלאה און שווארץ ארום, די צייהן פערשטיקט צום שוויגען שטום,
נאר אין די פינגער, דאר און קוואר, די צדקה־פושקעס האלטען זיי
און קלאפען קלינג און קלאנג, ווי ס׳וואלט דאס טרוקען בלעך דעם האלז־געשריי
ארויסגעלאזט אין גאס פאר זיי. זיי געהען שטומע צוילענווייז
און ס׳קלאפען פושקעס קלינג און קלאנג, א קלונג — א שפרייז, א קלאנג —
א שפרייז.

א שופר בלאזט. פון יעדען עק, אין ציטער, איילעניש און שרעק
דער עולם לויפט זיך שנעל צונויף, פערפילט די גאס, פערשטעלט דעם וועג,
און שלאגט זיך אן אין מענשען־וואנד. מען שטעהט אין קנויל צונויפגעשטיקט,
און בליק צו בליק פאראויסגעשיקט, און ס׳פרעגט א בליק און שטוינט א בליק.
ווער זענט איהר, פרעמדע בלייכע, ווער? און וואס האט אייך געבראכט אהער,
איהר מיט די צייהן צונויפגעדריקט, איהר מיט די אויגען אהן א טרעהר?
עס פרעגט א בליק און שטוינט א בליק, און ס׳עפענט קיינער נישט קיין מויל,
נאר פון דעם בלייכען שטומען קנויל דער שופר בלאזט און בלאזט מיט גרויל.
און שטיל א וויל. אין צייל און צייל דער עולם שטומט. א גראהע זייל
פערגליווערט בלייבט דער אלטער שטעהן. ער ווארט. און פלוצלינג ווי א פייל
א אויסגעשריי רייסט דורך די לופט. ווער איז עס דארט, ווער לויפט און רופט?
עס פאלען קינדער פון די פיס, און עמיצער א הויכער פרובט
מיט פויסט און עלענבויגען געהן. א קניה צוקלאפט זיך אין א שטיין,
פון הילך און טומעל דארט און דא צושפרייט זיך קינדערשער געוויין,
און פון א ווינקעל ערגעץ וואו צום פרעמדען שטומען עולם צו

פאַלט איינער און אַ צווייטער צו: מיין ברודער דו! מיין שוועסטער דו!
און נאָך איינער מיט אַ געשריי: דו טאַטע מיין! דו מאַמע מיין!
דער עולם האַלט דעם אָטהעם איין — און פּלוצלינג אין געשריי אריין
דער שופר וויקעלט זיך אין פּיין: אין וועג אַריין! דער וועג איז גרויס!
דער אַלטער שפּרייט דעם פאַרמעט אויס, שפּאַנט ווידער ברייט און שווער פּאַראַיִם,
און מיט'ן שוואַרצען לייב ענטבלויזט, מיט ווייב און קינד ביי טריט און פויסט
אַ וואָגלער געהט אַ וואָגלער נאָך, און פון געדיכטעניש, וואָס ברויזט,
אַ האַנד און פויסט אַנ'אַקסעל שטויסט — און יעדער איינער רייסט זיך, רייסט
אַהין, וואו בלייך און טויטליך שפּרייזט זיין בלוט און לייב מיט בליק פערגלייזט.

די מחנה ציהט. אַ וואָרע מאַכט! זאָל ווערען קראַם און טהיר פערמאַכט,
די האַנדעל־וואָגענס נעהמט אַוועק — מען האָט אַ יום־טוב אייך געבראַכט!
אַ יום־טוב מיט אַ שופר־בלאָז, אַ יום־טוב מיט אַ הייליגקייט
פון אַלטען פאַרמעט אָפען הויף פאַר אַלע אויגען אויסגעשפּרייט,
מיט אורחים פון דער ווייטער ווייט, מיט אומגעריכטע פרומע געסט,
וואָס האָבען צייהן און ליפּען פעסט אין שטומען שווייגען איינגעפּרעסט,
עס זאָל קיין שיחת חולין נישט אראָב, חלילה, פון דער צונג,
נאָר בלויז דער בלעך און קופּער־קלונג זאָל קלינגען אייער אויסלייזונג!

מאַכט גרויס דעם וועג! אַ יום־טוב געהט! געשלאָסען טהיר פון הויז און קלייט,
נאָך אין דעם וואָכעדיגען קלייד, מיט קינד און קייט ביים זייט בעגלייט
אַנ'עולם לאָזט זיך ווייט און ברייט פון שופר־בלאָז געפיהרט, פערבלענדט.
עס געהען אידען — שוואַרצע הענד פון פרעסט און זומער־היץ פערברענט,
און אויסגעבאַדענע אין קויט. עס געהען ווייבער — אויגען רויט
פון ווינט און שטויב און טרוקען־גרוי, ווי לעדער, איז די ברוינע הויט.
עס געהען קינדער — פאַר'ן ברויט נאָך קינדערווייז די הענד פערשוואַרצט,
דאָס פּנים קינדערווייז פערשוואַרצט, און יעדער באַק־ביין טרוקען שטאַרצט

ארויס פון אונטער קינדער אויג, וואָס פּינקעלט שווינדלעריש און האַרט.
און מיידלעך געהען — שטערענס צאַרט, נאָר עפּעס אין די אויגען וואַרט.
און אויף די ליפּען איז פערקיהלט אַ שמייכעל, וואָס צום קונה שפּיעלט.
און אַלטע באָבעס שלעפּען זיך אין ברוינע טיכער איינגעהילט,
און קרעמער אין געררוך פון פיש, און טרעגער, הענדלער — אַ געמיש
פון די וואָס האַנדלען מיט׳ן שטויב און אָבוואַרפעכ׳ן פון פרעמדען טיש,
און שענקערס, אויג און הענד פערפעטסט, מיט אַרבעל, אויסגעטונקט אין וויין,
און בעטלער שלעפּען זיך צום לעצט, און ס׳ציהט זיך אַלץ אין וועג אַריין —
און ס׳ציהט זיך ווייט פון גאַס אין גאַס, און אַלץ דעם וועג פאַר זיי רויכט אָב,
ביז ס׳ווערט אין גאַס דער טאָג שוין בלאַס, און אָווענד פאַלט פון וועגד אַראָב.

שוין פלאַקערט אויס די זון איהר הויך אין ווינקעל, וואו די טהורמעס הויך
פון ריזען־הייזער באָדען זיך אין וואָלקענס און אין קנוילען רויך.
ס׳איז צייט — און רעדער שטעלען זיך, און טהירען עפענען זיך שוין
פאַר גראָהען פאָלק פון אַרבייטס־לויהן. דער קאָפּ אַראָב, די העלזער ברוין,
און קאַרקען ווי די בויגען קרום פון זיצען לאַנג און וואַכען שטום
אַריבער דער מאַשין אויף דעם, ווי ס׳לויפט די פלינקע נאָדעל אום.
ס׳לאָזט טויזענד, טויזענד אַ מינוט אַרויס דאָס ביהנען־קעניגרייך,
און יעדע שאָטען־גאַס ווערט גלייך אַ ברויזענדיגער שווערער טייך,
און ס׳יאָגען כוואַליעס טיעף און שטאַרק אַהין, וואו מיט אַ שטאָהל־געברום
די גאַסען אויפ׳ן אייזען־קאַרק די אייזען־שלאַנגען קריכען אום.
און פלוצלינג אויפ׳ן וועג פון די, וואָס איילען נאָך אַ טאָג פון מיה,
וואַקסט אויס אַ מחנה ברייט און גרויס, אַ מחנה — ווער און וואָס איז זי?
איז דער, וואָס איילט צו ווייב און קינד — זיין שוועסטער, ווייב און קינד געפינט
גאָר פלוצלינג צווישען די, וואָס געהן, און נישט געטראַכט, שוין שפּרייזט ער בלינד
אין צייל מיט זיי. און ווער ס׳געפינט זיין טאַטען און זיין פריינד, וואָס געהט,
און ווער אויך קיינעם דאָ דערזעהט — סיי ווי פערפלאָנטערט איהם די קייט,

און ווילסטו יאָ, און ווילסטו ניט — מוזט אָבשטעלען די גיכע טריט
און ציהען מיט דער מחנה מיט אהין, וואוהין די מחנה ציהט.
אויף יעדען אָרט, וואו גאס מיט גאס אין רעלסען און געוויש זיך קרייצט,
מוז בלייבען שטעהן א ווייל איהר טראָט, פון פרישען וואלגער־שטראָם פערפלייצט.
דאס האָט אַ גראָהער שווערער שטאָם פערזאמעלט אַלץ, וואָס ער פערמאָגט,
און מיט זיין אַלטען גאָט פאראויס, מיט שטיקער פּאַרמעט, וואָס ער טראָגט,
און מיט זיין אַלטען יובעל־הארן, וואָס רייסט זיך הייזעריג און ברילט,
און מיט די טעכטער און די זיהן, דאָס בלוט אין ליפּען בלייך פערקיהלט, —
געלאָזט זיך ווידער ערגעץ געהן אין שאָטענס, מויערן און שטיין
אהין — — וואוהין? ס'ווייס קיינער ניט, ס'ווייס קיינער, סיידען גאָט אַליין!

געפלאסטערט גלאָט, ווי שפּיגעל גלאַנצט אַ ברייטע גאַס. אַ פּלעמעל מאָט
אין גלאָטען שפּיגעל שפּיעלט זיך, טאַנצט. פון ביידע זייטען, שווער און זאַט,
מיט רויטע קארקען ברייט צולעגט, ווי עמי־הארצים אויפגעריכט,
אַ קייט פון ריזען־הייזער קריכט. עס שפּיעלט דאָס טאַנצענדיגע ליכט
אויף מיילען, מיילען ווייט אַוועק. פון ערגעץ מיט אַ ווילדען בריל
קומט אָן אַ פאָהר־מאַשין. איהר אויג, אַ רויטע פלאָם, צורייסט די שפּיעל
פון גלאַנץ און שיין — און ווידער שטיל. שאַ, שטיל. און טיעף און קיהל
די נאַכט.
און ווידער קומט פון ווייט אַ בריל, רייסט אויף די שטילע נאַכט און ס'ראַכט —
באַלד קומט צופליהען אַ פאָהר־מאַשין. נאָר ניין. ס'איז ריין דער גלאָטער שטיין —
און ס'ברילען פון דער ווייטען שטייגט און רייסט זיך, רייסט. וואָס איז געשעהן?
קוק ווייט — פון ווייט אַ שאָטען קומט. אַ שאָטען קומט, און עפּעס ברומט
אין טריט נאָך איהם אַ פינסטעַרניש. עס ברומט נאָך איהם. אַ ווייל פערשטומט
און ווידער ברילט עס אויף און שרייט. עס פּראַלען שטומע פענסטער אויף,
עס ציהט אַ פאָרהאַנג זיך ארויף, פון גאַס און געסלעך אַ געלויף —
און דערנעהנטערט זיך אַ ים, אַ גאַנצער ים פון שווערע טריט.

וואס רוקט זיך סאפענדיג און מיער, א פינסטער־ים פון פינסטער ציהט.
ס׳לויפט אן א פלינקע פאהר־מאשין, בלייבט שטעהן מיט יענע, וואס זי פיהרט.
עס עפענט זיך איהר טהיר. פון איהר, אין שפיצען, זייד און גאלד געציערט,
קוקט עמיצער ארויס, ווערט בלייך, בלייבט שטעהן און מישט זיך אויס
אין ים פון קעפ. און נאך איינער און נאך און נאך. פון טהיר און הויז
געשטאלטען רוקען זיך ארויס, און אין דער מחנה, וואס קומט אן,
פערשווינדען זיי. די גאס פערט פול. פון טהירען, פענסטער און באלקאן,
פון דעכער, שילדען און קארניז דער פרעמדער עולם שטעהט און קוקט,
ווי ס׳הויבען זיך די שווערע פיס, ווי זיך די שווארצע מחנה רוקט,
און ווייט זיך, ווייט אין גאס פערלירט, פון ווייטען ווילדען קול געפיהרט.
און דער, וואס זעהט זיי געהן אהן סוף און קוקט אין ווייטען — דער דערשפירט:
ס׳איז ערגעץ דא א ווייטע נאכט, א שטומע נאכט אין פינסטערקייט,
וואס שפרייט זיך גרויס און טיעף און ברייט, און שפרייט זיך אין אונענדליכקייט..

— וואוהין דאך האלט איהר וועג אין נאכט א מחנה, ברויזענד ווי א ים?
און ס׳ענטפערט עמיצער: ווער וייס, ווער וייס וואוהין עס ציהט א שטאם...

ניו יארק, תרע״ה.



א י נ ה אַ ל ט :

	זייט
פאַרוואָרט	3
פּשוטע לידער	
לידער פון פערבענקטע	7
א ליעד פון א מיידעל	10
א ליעד פון א צוריקגעקומענעם	11
א ליעד פון אַן אם	13
א ליעד פון א יונגער פרוי	14
א ליעד פון א זעלנער	16
א ליעד פון א גרויסשטאָדטישער	18
א ליעד פון א גרויסשטאָדטישען	19
א ליעד פון א כלה	20
ליעדער פאר'ן שפּיגעל	21
תפלות	
תפלות	29
קדוש	44
א בריעף	47
קניהענדיג	52
על חטא	55
שלמה	63
היימישע בילדער	
ביים שוועל	77
אין א פּוילישען דאָרף	83
פּוילען	88
וואַנגעל-ייעג	98
די בענייטע שוהל	109
דער מאַרש	119

LIBRARY
AUG 1 9 1999
UNIVERSITY OF TORONTO

VELUT ARBOR ÆVO

Presented to the

LIBRARY *of the*

UNIVERSITY OF TORONTO

by

THE MULTICULTURAL HISTORY SOCIETY OF ONTARIO

3 1761 05058800 3

PJ
5129
B65R5
1916
c.1
ROBA